# ספר הזכרון

של הישיבה הגדולה
"כנסת בית יצחק"
בקאמעניץ רליט"א (פולין)

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2022

## מכתבים מגאוני הדור

# מכתב בקשה

### מאדמו״ר הגאון האמיתי הצדיק אור ישראל רשכבה״ג

### מרן בעל **החפץ חיים** זצוקלה״ה

הנה הישיבה הגדולה הנקראת „כנסת בית יצחק״ ידעתי אותה ואת רבה הגאון הגדול בתורה ורב צדקו במעשים טובים, הוא הגאון מהר״ר **ברוך דוב לייבאָוויץ** ר״מ בכנסת בית יצחק זה כמה עשיריות שנים והעמיד כמה מאות תלמידים גדולי תורה ומורי הוראה בישראל. והי׳ מושבו העיקרי בסלאבאדקא ולבסוף בווילנא, אכן עתה לעת זקנתו אוה למושב לו ולישיבתו הקדושה את עיר קאמעניץ דליט״א הסמוכה לבריסק ואבקש לכל מכירי רבנים ובע״ב שיקרבו את הישיבה הקדושה הזאת וידוע כי שכר החזקת התורה גדול אף מלפנים וכש״כ בהיום שהתורה הק׳ עלובה מאד.

ובזכות זה יריק ד׳ ברכה וחו״ש לכל מחזיקיה ומסייעיה כחפצם וכחפץ המוקירם ומכבדם.

**ישראל מאיר הכהן**

בעה״מ ספר חפץ חיים ומשנה ברורה

# מכתב גלוי

## מהגאון האמיתי שר התורה רשכבה״ג מרן הג״ר

## חיים עוזר גראדזענסקי שליט״א מווילנא

הנה נודע ומפורסם בתפוצות ישראל טיב הישיבה הגדולה „כנסת בית יצחק״ שנתיסדה מלפנים מסלאבאדקא על שם הגאון מאור הגולה מרן ר׳ **יצחק אלחנן** וצ״ל אבד״ק קאוונא. ומאז מנהלה הראשי והר״מ הנהו הגאון הצדיק מוה״ר **ברוך דובער לייבאוויץ** שליט״א. הרבה נדודים עברו על הישיבה בימות המלחמה, ועתה זה כמה שנים שקבעה מקומה בעיר קאמענעץ דליטא. הישיבה הגדולה בכמות ובאיכות אשר קרוב לשלש מאות תלמידים לומדים שם בשקידה עצומה ושומעים שעורי לקח מצוינים מהגאון הר״מ שליט״א שעורים עמוקים חריפים ומתוקים בדרך שסלל רבו הגאון מאוה״ג מרן ר׳ חיים זצ״ל אבד״ק בריסק. מתגדלים ומתחנכים שם התלמידים על ברכי התורה והיראה, ועלולים לעלות במעלות ההוראה לשם ולתפארת, וכמה גדולי ישראל כבר יצאו ממנה ב״ה. אבל מה גדול הכאב אשר המעמד הגשמי של הישיבה נורא מאד. הלחץ והדחק, העוני והמחסור שם באופן מבהיל מאד, ונלאו מנהלי׳ מפני עול החובות שהשתרגו ועלו על צוארם במשך הזמן, עד כי עומדת כעת הישיבה בפני סכנת הסגר ח״ו.

ועל כן הנני קורא לאחינו הנדיבים חובבי תורה ולומדי׳ בכל אתר ואתר להשים לב לגורל הישיבה המפוארה הזאת להחזיקה ולתומכה שתוכל להחזיק מעמד בעתות בצרה עד אשר ירחיב ד׳ את גבולנו. חושו נא בעוד מועד להציל את המוסד הנשגב, הישיבה הנהדרה, בתמיכות זמניות בהשתתפות חברים קבועים, עשו כל אשר ביכלתכם להציל את ארון הברית לוחות העדות אשר בנס הם עומדים, ואשרי להמסייעים והמחזיקים בימינו אלה, יתברכו ויאושרו בכל טוב סלה בברכת אשר יקים את התורה, כמשאלות הכותב וחותם לכבוד התורה ולומדי׳, הוגי׳ ומשחרי׳ ומצפה לישועה יום טו״ב אד״ר תרח״ץ ווילנא.

**חיים עוזר גראדזענסקי**

ווילנא.



## מאמר להחזקת התורה מכבוד מרן האדמו"ר הגאון הצדיק פאר הדור ר' ברוך דוב לייבאוויטש שליט"א.

אחינו אוהבי התורה, מקימי' ונוצרי' כאישון עינם, תמכין דאורייתא!

אם באנו לדעת עד היכן חובת איש ישראל בהקמת התורה והישיבות, ואם באנו לדעת עד היכן חובת חיבת התורה להוקיר אותה בלב, נקדים מה דשנינו בברייתא (ברכות דף סא ע"ב). ת"ר פעם אחת גזרה מלכות הרשעה שלא יעסקו ישראל בתורה, בא פפוס בן יהודא ומצאו לרבי עקיבא שהיה מקהיל קהלות ברבים ועוסק בתורה, אמר לו

עקיבא אי אתה מתירא מפני מלכות? אמר לו אמשול לך משל למה הדבר דומה, לשועל שהיה מהלך ע"ג הנהר וראה דגים שהיו מתקבצים ממקום למקום, אמר להם מפני מה אתם בורחים? אמרו לו מפני רשתות שמביאים עלינו ב"א. אמר להם רצונכם שתעלו ליבשה ונדור אני ואתם כשם שדרו אבותי עם אבותיכם, אמרו לו אתה הוא שאומרים עליך פקח שבחיות? לא פקח אתה אלא טפש אתה, ומה במקום חיותנו אנו מתיראין במקום מיתתנו עאכו"כ אף אנחנו וכו', אמרו לא היו ימים מועטים עד שתפסוהו לר"ע וחבשוהו בבית האסורים ותפסו לפפוס בן יהודא וחבשוהו אצלו אמר לו פפוס מי הביאך לכאן? אמר ליה אשריך רע"ק שנתפסת על דברי תורה אוי לו לפפוס שנתפס על דברים בטלים. בשעה שהוציאו רע"ק להריגה זמן ק"ש היה והיו סורקים את בשרו במסרקות של ברזל והיה מקבל עליו עול מלכות שמים וכו' היה מאריך באחד עד שיצתה נשמתו באחד וכו' עיי"ש. הנה מבואר מזה דהחובה היתה שהתנא רע"ק ימסור נפשו עבור קיומה של התורה. והקשו הראשונים דאיך היה התנא מוסר נפשו ע"ז, הא אין דין מסירת נפש שיהרג ואל יעבור רק על עבודה זרה ג"ע וש"ד? ותירצו כי זהו קיום כל התורה מפני שאז בסכנה היתה כל קיומה של התורה, והי' החוב מן התורה שהתנא הק' רע"ק יתן נפשו עבור קיומה. אף כי אין דבר חביב לפני הקב"ה כמו דרע"ק ותורתו, דמשה רבנו ע"ה הראה לו הקב"ה נשמת התנא רע"ק והיה מרע"ה שמח בתורתו ומתעצב במיתתו. אולם מפני שאם אין גריים אין חישים הוטלה החובה על התנא ותורתו שימסור נפשו עבור קיומה של התורה להבא.

והנה פפוס בן יהודא [רבנו הגר"א בס' אמרי נועם כתב שהיה אותו פפוס ולוליינס שמסר עצמו עבור הכלל ישראל ומה דאמר דנתפס על דברים בטלים היינו דאצל המלכות הרשעה נתפס על כך, ולא שכן היו הדברים] אמר לו או להתנא אי אתה מתירא וכו'.

והענין קשה מה היתה שאלתו של אותו קדוש וצדיק פפוס בן יהודא על התנא, הא רע"ק עשה בזה חובת התורה כשמסר עצמו על קיום התורה?

ונראה שעיקר שאלתו לא היתה על מה שמלמד תורה לתלמידים, אלא על מה שמקהיל קהלות ברבים, והרי היה לו ללמד במחבואות ובהסתר, ונמצא שהתנא רע"ק מכניס עצמו בסכנה. זאת היתה שאלת הצדיק פפוס.

והשיב לו רע"ק דשאלתך דומה לשאלת השועל להדגים, דהמה בהיותם שוכנים בתוך המים מכניסים עצמה בסכנה דעי"ז בני אדם עושים עליהם רשתות ומכמורות לצודם ולהמיתם והרי יש להם עצה לצאת ליבשה, ולמה יושבים המה במקום סכנה ואינם מתיראים, וע"ז השיבו הדגים האתה פקח שבחיות וכו' ומה אם במקום חיותנו כך וכו'. ביאור הדבר דהלא אם במקום חיותנו הננו בסכנה במקום מיתתנו על אחת כמה וכמה ואיך תעשה עלינו שאלה לאמר שאנחנו מכניסים עצמנו בסכנה ע"ז שאנו נמצאים בים, הלא זהו חיותנו ובל"ז הרי המיתה ממש לפנינו, ומוכרחים אנו להיות במים, ואם יש סכנה גם במים הלא בא זה ממילא אליהם ולא שנחשוב כי המה מכניסים עצמם בסכנה.

כן אמר התנא רע"ק דשאלתך היא ממש כשאלת השועל הלא אם במקום חיותנו כך במקום מיתתנו עאכו"כ. באור הדבר דאם נלמד התורה עם תלמידים במחבואות ומסתורים זהו בטולה שה"ת ואז הרינו מתים ממש, כי אם אין ח"ו תורה הרי כאן

תיכף המיתה ואי"כ אנחנו מוכרחים להיות ולימצא בתוך התורה ולהקהיל קהלות ואם ח"ו גם אז באה סכנה הרי היא ממילא ולא דתחשבני כמעמיד את עצמו במקום סכנה.

אחינו! כמה הי׳ נותן כל איש ישראל מהונו וממאדו ונפשו להציל נפש התנא רע"ק, א"כ כ"ש להציל התורה גופא אשר עלתה במשקלה יותר והכריעה חיי נפש של התנא. כמה החוב על איש ישראל למסור עצמו עבור קיומה בעולם. אליכם אחינו אקרא! זכרו נא כריתות ברית של ברוך אשר יקים את דברי התורה וכו׳ שמוטל חובה על כל איש ישראל. אנשים ונשים להקים את התורה בישראל ונתברך כל אחד מהר גריזים מהש"י מארון הקודש ומפי ששים רבוא ישראל עם משה רבנו ע"ה.

זכרו נא אחינו כי במצבנו עתה אשר אנו נרדפים בכל צד, אין לנו עצה להנצל מחבלי משיח כי אם כמו שאמר התנא ר׳ אליעזר ותלמידיו כששאלו אותו מה יעשה אדם וינצל מחבלי משיח ואמר בזה עצתו שיעסוק בתורה ובגמילות חסדים. וזכרו נא דברי המדרש על הפסוק הוי פנו לכם צפונה (דברים) אר"י ב"ש אמרו לו ישראל רבש"ע אבינו מברכו על חרבך תחי׳ ואתה מסביר עמו ואומר לנו הצפינו עצמכ׳ מפניו ולהיכן נברח? אמר להן אם ראיתם שמזדווג לכם ברחו לתורה ואין צפונה אלא תורה שנאמר יצפון לישרים תושיה ע"כ. ונודע לכל איש ישראל דברי בלעם הרשע שאמר כי בזמן שהתנוקות מצפצפין בבתי כנסיות ובבתי מדרשות אין אתם יכולים להזדווג להם ובזמן שהקול קול יעקב אין הידים ידי עשיו שולטות, וא"כ לכה אנו מחשים מהצלת הכלל ישראל ע"י למוד וחזוק התורה. דעו נא אחינו כי התורה הקדושה עיניה צופיות רק אל לבות בני ישראל וזאת התורה עומדת וצווחת, בני! הלא על עזיבת התורה גלינו מארצנו ונתרחקנו מעל אדמתנו ודמינו נשפך כמים, כמאמרם ז"ל דבר זה שאלו לחכמים ולא פרשוהו ולנביאים ולא פרשוהו „על מה אבדה הארץ?" ופרשה הקב"ה בעצמו ואמר על עזבם את תורתי. וע"כ מה אנחנו יושבים ומחבקים ידינו מהקמת תורתנו הקדושה שהיא תוציאנו מכל צרה ומצוקה כמאמרם ז"ל אין ישראל נגאלין אלא בזכות המשנה. לזאת החזיקו ונתחזקה בשם ה׳ להקים ישיבות הקודש ובתוכם ישיבתנו הקדושה אשר היא מרבצת תורה ויראה זה יותר מארבעים שנה וככר העמידה תלמידים גאוני וגדולי ישראל למאות ולאלפים, הישיבה הגדולה באכותה ובכמותה ונוהרים אליה מכל מדינות התבל. ואולם בחומריותה נורא מצבה ונמצאת בחוסר כל וכלו כחותינו איך להחזיקה ולכלכלה למען תוכל התורה להתגדל ולהתאדר בה.

אחינו! תנו האפשרות להתורה להתגדל בעולם ותנו לה כח מכחכם בחומריותה, ושוב נזכה שיהי׳ בישראל גאונים וגדולי התורה והיראה כמו שזכו אבותינו שהיו הרבה גאונים בתבל, גאוני ארץ ונקיי טהרה. וירחם עלינו השי"ת להתיר חותם התעודה ושוב יהי׳ זרעינו זרע ה׳ מלאים תורה ויראה, כאשר אנו רואים בעינינו כי במדינות כאלו אשר לא היה בעוה"ר רוח תורה, נעשה עתה התעוררות גדולה שמה ונותנים נפשם ממש על התורה ומתגדלים ומצליחים בה כהבטחת הש"י וענתה השירה הזאת לפניו לעד כי לא תשכח מפי זרעו.

אחינו הנכבדים, עורו נא ותמלאו רחמים על תורתנו הק' והקימו אותה ע"י מאודכם וזאת תביא לכם ברכה עד בלי די, תנצלו מכל צרה ופרנסתכם תהי' מבורכה ויקוים בנו וכאשר יענו וכו' כן יפרוץ ונזכה לגאולתנו ולבואו של משיחנו בב"א. המברכם והמבקשם למען תורתנו הק'.

המכבדם והדו"ש וטובם כה"י.

ברוך דוב לייבאוויטץ
ר"מ בישיבה הק' בית יצחק.

## די געשיכטע פון דער ישיבה „כנסת בית יצחק"

### א. גרינדונג פון דער ישיבה אין סלאבאדקא.

דער לעצטער דור האט געהאט די גרויסע זכיי צו פארמאגען אלס גייסטיגען פיהרער דעם בעריהמטען גאון הדור רשכבה״ג ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל – רב אין קאוונא (ליטא).

ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל איז געווען דער אמת׳ער מנהיג הדור אין אלע הינזיכטען, ווארום אויסער דעם וואס זייענדיק דער גרויסער וועלט-גאון, פלעגט ער ענטפערן אויף די טויזענדער שאלות וואס זענען צו איהם געשיקט געווארען פון אלע עקען וועלט – האט ער אויך אונאויפהערליך געווידמעט זיין צייט און ענערגיע אויף צו פארבעסערן די אונגליקליכע לאגע פון זיינע ברידער אין רוסלאנד, וואו ס׳האט זיך געפונען א קבוץ פון אריבער 6 מיליאן אידען.

פיל שווערע גזירות וועלכע זענען געהאנגען אין דער לופטען און בעדראהט די כאטעריעלע און גייסטיגע עקזיסטענץ פון אידישען קבוץ אין גרויסען רוסלאנד – זענען א דאנק זיין אונערמידליכע השתדלות בטל געווארען.

ער איז געווען דער יושב-ראש פון פיל וויכטיגע קאנפערענצען און אסיפות, וועלכע זענען גערופען געווארען לטובת הכלל; ער האט אויך אקטיווירט א סך גרויסע אויטאריטעטען און וויכטיגע פערזענליכקייטען צו ווידמען זייער טעטיגקייט פאר דעם גערודפ׳טען אידישען צבור אין רוסלאנד. זיין נאמען איז געווארען בעריהמט און מפורסם אין אלע טיילען וועלט און אומעטום איז ער דערמאנט געווארען מיט ליעב און דאנקבארקייט.

אויפן פסוק „וכבוד עשו לו במותו" זאגען אונזערע חכמים: שהושיבו ישיבה על קברו [ב״ק טז] דארום איז דער גרעסטער כבוד פאר א פערשטארבענעם גאון דאס אויפשטעלען א ישיבה אין דעם ארט וואו דער גרויסער גאון האט געלעבט און געווירקט. אין וואו ער איז אויך נפטר געווארען.

סלאבאדקא – קאוונא – איז געווען דאס ארט וואו ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל האט געלעבט און געווירקט, און דעריבער איז אויף דעם ארט אין יאהר תרנ״ז געגרינדעט געווארען די ישיבה „כנסת בית יצחק" אויפן נאמען פון גרויסען גאון הדור.

געגרינדעט האבען איהר די בעריהמטע גאונים: הגאון ר׳ צבי הירש ראבינאוויטש זצ״ל – קאוונער רב און זוהן פון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל – און הגאון ר׳ משה דאנישעווסקי זצ״ל – רב אין סלאבאדקא.

די גרינדער פון דער ישיבה האבען געהאט פאר זיך דעם ציל צו קאנצענטרירען אין דער ניי-געגרינדעטער ישיבה די בעסטע בעלי כשרונות פון די שוין עקזיסטירענדע ישיבות און זיי געבען די פולע מעגליכקייט זיך משתלם צו זיין אין תורה און ערווערבען אלזייטיגע ידיעות אין ש״ס ופוסקים. דער ערשטער ראש-ישיבה פון כנסת בית יצחק איז געווען הגאון ר׳ חיים ראבינאוויטש זצ״ל פון שאד, וועלכער האט בעוויזען דורך זיין גאונות און גרויסע כשרונות אוועקצושטעלען דער ישיבה אויף פעסטע יסודות.

אין יאהר תרס״ד ווערט אויפגענומען אלס ראש-ישיבה אין כנסת בית יצחק דער אב״ד ור״מ פון הלוסק, הגאון אדמו״ר ר׳ ברוך דוב לייבאוויטש שליט״א, דער תלמיד מובהק פון וועלט-בעריהמטען גאון ר׳ חיים סאלאווייטשיק זצ״ל פון בריסק אום ווי געהעריג אפצושאצען די דאזיגע פערזענליכקייט, איז קודם-כל נויטיג צו ווערמען א פאר ווערטער דעם גרויסען שטערן, וועלכער האט אויפגעלויכטען אויף דער תורה-וועלט, דעם גאון ר׳ חיים בריסקער זצ״ל, דער רבי פון מרן שליט״א.

ר׳ חיים בריסקער זצ״ל, זייענדיק ראש-ישיבה אין דער גרויסער וואלאזשינער ישיבה, האט געלייגט דעם יסוד פאר א נייעם דרך אין לערנען, וועלכער ווערט אנגערופען אין די ישיבות אלס ר׳ חיים׳ס דרך. ר׳ חיים׳ס זצ״ל דרך אין לערנען איז – דער דרך ההבנה, וועלכער חערט בעגרינדעט אויף געזונדקייט פון סברא, צו פארשטיין יעדער דין לאמתה של תורה. און אויסמיידען זייטיגע פלפולים. דער דרך ההבנה איז באזירט אויף דורכדרינגען אנאליטיש דעם פונדאמענטאלען אמת און האבען א קלארען און דייטליכען בעגריף ביים פערשטעהן יעדער סוגיא אויפן ארט.

דער ראש-ישיבה פון כנסת בית יצחק, אדמו״ר ר׳ ברוך דוב לייבאוויטש שליט״א, איז א ריכטיגע פערקערפערונג פון זיין גרויסען רבי׳ן, ר׳ חיים בריסקער זצ״ל. ער האט אין זיך איינגעזאפט דעם גאנצען גייסט פון זיין גרויסען רבי און מורה דרך – און פון איהם האט ער קונה נעווען בשלימות דעם אריגינעלען און אמת׳ען דרך התורה.

מרן ר׳ ברוך דוב שליט״א, אנקומענדיק קיין סלאבאדקא אין דער ישיבה כנסת בית יצחק, וועלכע איז פול געווען מיט תלמידים גדולי התורה והיראה. האט ער דא געפונען א ברייט פעלד פאר זיינע הייליגע שטרעבונגען, צו פארשפרייטען דעם ליכטיגען דרך התורה פון ר׳ חיים זצ״ל.

אונטער דער אנפירונג פון הגאון אדמו״ר ר׳ ברוך דוב שליט״א איז די ישיבה געוואקסען און זיך שנעל ענטוויקעלט. פיל תלמידים פון אנדערע בעוואוסטע ישיבות זענען געקומען קיין סלאבאדקא אין ישיבת כנסת בית יצחק, צו הערען די וואונדערליך טיפע שיעורים פון מרן שליט״א.

הונדערטער רבנים, וועלכע זענען ביים היינטיגען טאג צושפרייט איבער אלע עקען וועלט. און פיל גאונים-פערזענליכקייטען וועלכע שמ׳ען מיט זייער לומדות, און א סך ראשי-ישיבות, גרינדער פון אנדערע ישיבות – האבען אלע בעקומען זייער אויסבילדונג אין כנסת בית יצחק וועהרענד די ישיבה האט עקזיסטירט אין סלאבאדקא. די ישיבה איז ווירקליך געווארען דער שטאלץ און רוהם פון כלל ישראל.

## ב. כנסת בית יצחק אין גלות.

עס קומען אן יארען פון שטורם, די יאהרען פון דער גרויסער און שרעקליכער וועלט-מלחמה. ווען דער דאזיגער פעלקער-קריעג ברעכט אויס, איז די ישיבה געצוואונגען, צוזאמען מיט אנדערע פליטים, צו ענטלויפען פון סלאבאדקא.

די ישיבה, צוזאמען מיט איהר רבי'ן הגאון אדמו"ר ר' ברוך דוב שליט"א, נעמט דעמאלט דעם וואנדער-שטעקען און גייט אריבער קיין מינסק — ווייס-רוסלאנד. דארט געפינט די ישיבה א גואל און א תומך אין דער פערזאן פון דעם בעריהמטען גביר גאון פון מאסקווע — דער איידעם פון דעם בעוואוסטען חיסאצקי, וועלכער האלט אויס פון זיין טאש די גאנצע ישיבה.

דער בעריהמטער גאון ר' חיים סאלאווייטשיק זצ"ל — דער רבי פון מרן שליט"א, וועלכער האט אין כלחמה-צייט געוואוינט אין מינסק — האט זיך אויך מיטבעטייליגט אין דער הנהלה פון דער ישיבה.

עס דויערט נישט לאנג און דער קריגס-שלאך דערנעהנטערט זיך קיין מינסק. אדמו"ר ר' ברוך דוב שליט"א ווערט ווידער געצוואונגען צו וואנדערען מיט זיין ישיבה טיפער אין לאנד, בכדי אויסצומיידען די געפאהרען פון דער שרעקליכער מלחמה.

אין יאהר תרע"ז בעזעצט ער זיך אין קרעמענטשוג, די „ירושלים דאוקריינא" וואו ער ווערט גערופען צו פארנעמען די שטול פון רבנות נאך זיין פערשטארבענעם שווער דער בעוואוסטער גאון ר' אברהם יצחק צימערמאן זצ"ל. אהין ברענגט ער אויך אראפ זיין ישיבה.

אמת'ע ליבע און איבערגעגעבענהייט פאר תורה ווייסט גאר נישט פון קיינע מחיצות און באריערעס: גלייך ווי עס איז בעקאנט געווארען אז הגאון אדמו"ר ר' ברוך דוב שליט"א איז אויפגענומען געווארען אלס רב אין קרעמענטשוג, וואו ער האט אויך אריבער געפיהרט זיין ישיבה — האבען, טראץ די קאמוניקאציע-שוועריגקייטען, גענומען צו איהם שטראמען תלמידים פון גאנצען קאנטינענט. אין דעם גרויסען מלחמה-עלענד געפינען די תלמידים ביי מרן שליט"א אין זיין ישיבה א ווארימע היים און א פאטערליכע בעציהונג מצד זייער גרויסען רבין.

ס'איז בכלל כאראקטעריסטיש: די שרעקליכע וועלט-מלחמה, וועלכע האט פערוואנדעלט די גאנצע וועלט אין א לעבעדיגען גיהנם און האט אויך צובראכען אלע יסודות פון מאראל און עטיק — האט אבער נישט בעוויזען צו פארלעשען ח"ו דאס ליכט פון דער תורה. דאס דאזיגע ליכט וואס ברענט אין די ישיבות און האט בעלויכטען דעם יודישען האריזאנט אין אלע תקופות און אין אלע שרעקליכע צייטען, האט אויך נישט איבערגעריסען זיין טעטיגקייט אין דער שרעקליכער תקופה פון דער וועלט-מלחמה. פערשטענדליך, אז דאס האט געקאסט פיל מסירות נפש.

טעג פליסען און פארגייען. עס קומט א צייט ווען יעדער טאג טראגט מיט זיך נייע געפאהרען און פון יעדער ווינקעל לויערט סכנה און פחד. קרעמענטשוג דער מקום מקלט פון דער ישיבה, ווערט א פרייער פלאץ פאר די אוקראינישע רוצחישע באנדעס, וועלכע פיהרען זייער „ארבייט" אונגעשטערט און שאפען א געפערליכען צושטאנד.

די דאזיגע תקופה איז דאס טראגישסטע איוב-בלאט אין דער געשיכטע פון כנסת בית יצחק, די קריגס-געפאהר דערנעהנטערט זיך צו קרעמענטשוג און א כוואליע פון הונגער, טיפוס-עפידעמיע און שוידערליכע פאגראמען נעמט פארפלייצען דער

שטאָט און דער ישיבה. איין בחור ווערט דעמאָלט דערשאָסען דורך דער באַנדע פון פאַגראָמשטשיק גריגאָריעוו ימ״ש. אין איין פאַל האָט א באַנדע פאַגראָמשטשיקעס אַרומגערינגעלט דער ישיבה. דער אָנפיהרער איז אריין אין ישיבה און בעפויהלען אַלעמען מיט איהם מיטצוגעהן. צו יענער צייט האט דאָס געשמעקט מיט זיכערען טויט. עס איז געשעהן א נס מן השמים און אַלע זענען ניצול געוואָרען פון זייערע הענט.

די שטאָט קרעמענטשוג איז געווען, וועהרענד דער גאנצער צייט פון די פאָגראָמען, געשלאָסען פון אַלע זייטען און דער הונגער האט געבישעוועט מיט זיין גאנצער קראַפט. ווי ווערט מיט עפּעס דער דעמאָלסטיגער מצב און רוח-הישיבה געבראָכען? צו פערלירט הלילה כנסת בית יצחק אין איהר איכות?

עס געשעהט נעמליך דאָס פערקערטע: דאָס שטייגען קומט פאָר ווי אין געוועהנ-ליכע צייטען. ווארום א צו-שטאַרקע און אונערשיטערטע פערזענליכקייט איז מרן שליט״א, אַז אין זיין ישיבה זאָל דאָס קענען געשעהן!

עד היום קענט איהר הערען פון מויל פון מרן שליט״א, אַז זייער פיל פון זיינע בעסטע חידושי-תורה האָט ער מחדש געווען אין יענער צייט אַרום, לויט ווי ער זאָגט, איז דאָס געשעהן אין זכות, וואָס ער פלעגט געהן א מרחק רב זאָגען דעם שיעור אין ישיבה אין אַ צייט ווען קוילען האבען געהאַנעלט איבערן קאָפּ.

בכלל איז עס א כאראַקטעריסטישער שטריך פאַר כנסת בית יצחק, דאָס בעת איהרע פערשידענע גלות-עטאַפּען איז זי קיינמאָל גייסטיג נישט אָפּגעשוואכט געוואָרען; אדרבא: יעדער גלות זעט אויס אין דער ווירקליכקייט ווי אַ בעזונדערע עפּאָכע פון וואוקס און אויפשטייג. קוקענדיק דורך דער פערספעקטיוו פון „יעצט", זעהען דאָס תקופות פון גלאַנץ און רוהם פאַר דער גייסטיגער פרוכטבארקייט פון כנסת בית יצחק, וועלכע האָט זוכה געווען צו זיין אַ מקום מקלט פאַר דעם ריינעם תורה געדאַנק, אין א תקופה. ווען שווערע וואָלקענס האבען בעטריבט דעם אידישען הימעל.

אָבער דאָס לעבען אין יענע צייטען איז געוואָרען אונערטרעגליך. נאָך די אוקראַינער קומען די דעניקינצעס און דאַן די באָלשעוויקעס. א נייע מאכט. וועלכע גיט אַרויס געזעצען מיטן ציל, פולשטענדיג חרוב צו מאכען די תורה. נייע צרות און נייע גזירות גיסען זיך אויף די קעפּ פון ראש-ישיבה און די תלמידים. דער באָדען ברענט אונטער די פיס, מ׳מוז אונבעדינגט ענטלויפען.

ביי דער געלעגענהייט דאַרף מען דערמאָנען לטובה די קרעמענטשוגער יורען, וועלכע האָבען אַרויסגעוויזען פאַר דער ישיבה די גרעסטע אָפּפערווילּיגקייט. פון דעם מאָמענט ווען כנסת בית יצחק האָט קובע מקום געווען אין קרעמענטשוג, האָבען זיי שטאַרק געאכטעט דער ישיבה און געזאָרגט פאַר איהר מאַטעריעלער אויסהאַלטונג. די לאַסט פון אויסהאַלטען דער ישיבה איז דעמאָלט געענצליך געפאַלען אויף דער שטאָט קרעמענטשוג, ווארום זייטיגע הילף פון דער פרעמד איז געווען אונמעגליך צו בעקומען צוליעב דעם קריגס-צושטאַנד, ביי וועלכען די שטאָט איז געווען אָפּגעריסען פון דער וועלט.

עס איז זאגאר געווען צייטען, ווען דער הונגער האט אזוי געבושעוועט, אז מען איז געווען געצוואונגען פערקויפען קליידער אויף א טעגליכע שטיקעל ברויט. אבער אויך דאן זאלט האבען די בעלי־בתים נישט פארגעסען אין דער ישיבה און זיך געטיילט מיט זיי צוזאמען דעם ארימען ביסען.

אדמו"ר מרן ר' ברוך דוב שליט"א מיט זיינע תלמידים זענען געווען אזוי בעליבט ביי דער אידישער בעפעלקערונג פון קרעמענטשוג — דאס ווען די ישיבה איז געווען געצוואונגען צו פערלאזען קרעמענטשוג צוליעב דער באלשעוויסטישער געוואלד מאכט, איז דער אויפריכטיגער צער און טרויער פון די קרעמענטשוגער יודען געווען אונבעשרייבליך. און פון דער צווייטער זייט, איז אזוי פיינליך געווען דער שיידען זיך פון אזא ליבער שטאט.

## ג. די ישיבה כנסת בית יצחק אין ווילנא.

אומקערען זיך צוריק קיין סלאבאדקא איז געווען אונמעגליך, ווייל די נייע ליטווישע רעגירונג האט נישט געוואלט ערלויבען דער ישיבה אריינצופאהרען קיין ליטא. אין יאהר תרפ"א, נאך א שווערען און מיט געפאהר פערבונדענעם וועג, איז מרן הגאון ר' ברוך דוב לייבאוויטש שליט"א מיט זיין ישיבה אנגעקומען קיין ווילנא.

נאך אזוי־פיל צרות פיין און ערשעפונג, געשעהען ממש וואונדער: מיט יוגענד־קראפט שיינט פלוצלינג ווידער־אויף כנסת בית יצחק. עס שטייט־אויף א סלאבאדקא אין א נייער אויפלאגע. פיל נייע תלמידים קומען צו דער ישיבה, בעזונדערס פון רוסלאנד, וואו עס קומען פאר די ערגסטע רדיפות געגען תורה און דת. די צוציהונגס־קראפט איז געוועהנליך מרן הגאון שליט"א, וועלכער זעצט פאר זיינע גאונישע שיעורים אין דעם בית המדרש אויף לוקישאק, א פארשטאט אין ווילנא.

ס'דארף דא דערמאנט ווערען די גרויסע און הייליגע מיסיע, וועלכע ס'האט דעמאלט אויסגעפירט דער אמעריקאנער „סענטראל רעליף", וועלכער האט מיט זיין ארבייט איינציג ערמעגליכט די ישיבות זאלען זיך קענען צוריק אוועקשטעלען. אויף דעם יסוד האט זיך אויך ענטוויקעלט די ישיבה „כנסת בית יצחק".

די שטאט ווילנא האט גוט בעהאנדעלט דער ישיבה, בעמיהענדיג זיך, צו שאפען די נויטיגע מיטלען פאר איהר אויסהאלטונג. ס'האט עקזיסטירט א חשוב'ער פרויען־קאמיטעט אום צו זארגען פאר די נויטען פון דער ישיבה. אדמו"ר הגאון ר' ברוך דוב שליט"א איז געווען אין ווילנא זעהר רעספעקטירט און ער איז בעשטימט געווארען אלס איינער פון די הויפט־מורי־הוראות פון שטאט.

פינף יאהר איז ווילנא געווען די אכסניא של תורה פאר כנסת בית יצחק, און דאן איז אדמו"ר הגאון שליט"א, שטרעבענדיג וואס מעהר צו פארשפרייטען די הייליגע תורה, געקומען צום בעשלוס, דאס דער טומעל און רעש פון א גרויסע שטאט שטערט פיל דעם פראגראם און סדר הלמוד פון ישיבה. אין רעזולטאט דערפון בעשליסט ער איבערצופיהרען די ישיבה קיין קאמעניץ, א קליין שטעטעל נעבען בריסק ביים בוג.

# ד. ישיבה „כנסת בית יצחק״ אין קאמעניץ און די רייזע פון מרן הגאון שליט״א קיין אמעריקא.

אין חודש אלול פון יאהר תרפ״ו איז די ישיבה אנגעקומען קיין קאמעניץ. זי איז דארט קובע מקום און דערגרייכט שנעל א הויכע מדריגה פון ענטוויקלונג.

נאך אזוי פיל יאהרען פון וואנדערונגען און פיין, געפינט ענדליך מרן הגאון ר׳ ברוך דוב שליט״א די לאנג געגארטע ביסעל מנוחה. אין הארצען פון גרויסען גאון און צדיק נאגט דער איינציגער געבעט: מען זאל זיך שוין קענען אוועקזעצען רוהיג לערנען מיט די פיל תלמידים וואס רינגלען איהם ארום.

קומט אבער צו יענער צייט א שטארקערווירטשאפטליכער קריזיס. וואס דראהט צו פערניכטען דער ישיבה. מרן שליט״א, זארגענדיג פאר׳ן ווייטערן גורל פון דער ישיבה, איז געצוואונגען צו פאהרען קיין אמעריקא, אום דארט צו געפינען מאטעריעלע הילף און שאפען א פעסטען פונדאמענט פאר דער אויפהאלטונג פון כנסת בית יצחק. ווער עס קען מרן הגאון שליט״א ווייסט מיט וואס פאר א שוועריגקייטען די עצם נסיעה איז געווען פאר איהם פארבינדען, טראץ זיין עלטער און שוואכען געזונט נעמט ער אונטער די רייזע. דאס איז דער גלות, די יסורים של אהבה, וואס דער גאון האט אויף זיך אליין גענומען פרייוויליג לטובת קיום הישיבה.

אין יאהר תרפ״ח איז האדמו״ר הגאון ר׳ ברוך דוב לייבאוויץ שליט״א צוזאמען מיט זיין איידעם הגאון ר׳ ראובן גראזאווסקי שליט״א, ר״מ שני פון כנסת בית יצחק, אנגעקומען קיין ניו-יארק, וואו זיי זענען עמפפאנגען געווארען מיט גרויס כבוד. הונדערטער בעוואוסטע רבנים, געוועזענע תלמידים פון מרן שליט״א, און פיל פערעהרער, זענען געקומען בעגריסען דעם גרויסען גאון. דער שטאט-מעיאר פון ניו-יארק האט געגעבען אן אפיציעלע אויפנאהמע אין סיטי האל פאר דעם ווירדיגען רעפרעזענטאנט פון ארטאדאקסישען יודענטום.

די אנוועזענהייט פון וועלט-גאון און צדיק הדור אין אמעריקא האט ארויסגערופען גרויס בעגייסטערונג און האט פיל מיטגעווירקט אויפצוהויבען דעם תורה-גייסט ביי דעם אמעריקאנער יודענטום.

אדמו״ר הגאון האט בעזוכט פיל גרויסע שטעט און אומעטום איז ער אויפגענומען געווארען בכבוד מלכים. ווען ער האט גערעדט אין די שוהלען און קאנגרעגיישאנ׳ס פון אמעריקא, האט ער יעדעס מאל איבערגעלאזען א דויער-האפטיגען און אונפערגעסליכען איינדרוק. זיינע דברים היוצאים מן הלב האבען דורכגעדרונגען די טיפסטע הארץ-קאמערען פון די צוהערער. פארברענגענדיג אין אמעריקא אנדערהאלבען יאהר האט ער בעזוכט אלע וויכטיגסטע יודישע צענטרען, וואו ער און זיין איידעם, הג״ר ראובן גראזאווסקי שליט״א, האבען געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונגען פאר דער הייליגער זאך.

אויסשעפענדיג די קרעפטען, האט מרן הגאון שליט״א בעשלאסען צוריק-פארען קיין קאמעניץ, צו זיין בעליבטער ישיבה, נישט האבענדיג דערגרייכט זיין צוועק צו שאפען אין אמעריקא א פערמאנענטען יסוד אויף וועלכען די ישיבה זאל שטיצען

איהר קינפטיגע עקזיסטענץ, ווארום די שטיצע לערך 35 טויזענד דאלאר וועלכע זי האט בעקומען אין אמעריקא האט קוים גענוגט אויף צו בעצאהלען די גרויסע חובות. אין וועלכע די ישיבה איז געווען פארזונקען. אין איך איינצוהאלטען די ישיבה במשך פון דעם גאונ'ס אויפענטהאלט אין אמעריקא. נאך א פריינדליכען און הארציגען אבשידס-באנקעט, וועלכער איז געגעבען געווארען לכבוד הגאון אין גרענד מענשאן האטעל, האט ער צוזאמען מיט זיין איידעם הג"ר ראובן גראזאווסקי שליט"א. פערלאזען אמעריקא און אפגערייזט קיין קאמעניץ.

## ה. צוריקקעהר פון מרן הגאון האדמו"ר ר' ברוך דוב שליט"א פון אמעריקא.

כ"ד כסלו תר"צ איז אדמו"ר הגאון שליט"א אנגעקומען בשלום קיין קאמעניץ. הונדערטער הערצער האבען געקלאפט פריידיג ווען מ'האט אנגעזאגט דעם צוריקקעהר פון ראש-ישיבה. די גאנצע קאמעניצער שטאט-בעפעלקערונג, וואו דער גאון און צדיק האט זיך אזוי בעליבט געמאכט, און דער עיקר'שט די בני הישיבה, האבען זיך קוים דער-ווארט אויף זייער גרויסען רבי'ן.

פון דאן הויבט זיך-אן א נייע תקופה, „די תקופה פון קאמעניץ". די ישיבה וואקסט בכמות ובאיכות. עס שטראמען תלמידים פון אומעטום. די ישיבה ווערט דאס, וואס זי איז היינט צו טאג: א וועלט-צענטר פון תורה ויראת שמים. דארט באגעגענען זיך תלמידים פון פרייען אמעריקא און געפלאגטען רוסלאנד, וועלכע האבען געשווארצט גרעניצען און געגאנגען אויף מסירות-נפש ביז'ן אנקומען קיין קאמעניץ. פון ארץ-ישראל, ליטא, לעטלאנד, דענעמארק, בעלגיען, אונגארן, שווייץ, ע נ'אנד, איטאליען א. א. וו. די דייטשע תלמידים געפינען דא א נייע היים. די ישיבת כנסת בית יצחק געהט אריין אין א נייער פאזע פון ענטוויקלונג. ס'הויבט זיך אן דער גרויסער גייסטיגער אויפשטייג פון דעם מקום-תורה, וועלכער געפינט זיך אינגאנצען אונטער דער הויכער השפעה רוחנית פון מרן שליט"א, וועלכער זעצט פאר זיינע גאוניש-עמקות'דיגע שיעורים פאר הונדערטער אלטע און נייע תלמידים.

מיט'ן אויסברייטערען זיך פון דער ישיבה, מיט'ן פארגרעסערען זיך כסדר די צאהל פון איהרע תלמידים, איז אויפגעשוואומען דאס פראבלעם פון ארט און פלאץ פאר די הונדערטער תלמידים. די ישיבה איז אזוי זיך צעוואקסען דאס פאר די נייע תלמידים האט מען גארנישט געקענט איינטיילען א פלאץ צווישען די ווענט פון ענגען בית המדרש וואו די ישיבה האט זיך געפונען. די לאגע איז געווארען אונערטרעגליך. ס'האט פארפעהלט לופט צום אטעמען. דאס פראבלעם פון א פאסיגען בנין פאר דער גרויסער וועלט-ישיבה איז אוועקגעשטעלט געווארען שארף און שניידיג. — וואס וועט זיין ? — ווי אזוי געפינט מען א אויסוועג פון דער לאגע ? די הנהלת הישיבה האט זיך אסך פערטראכט וועגען דעם, געזוכט מיטלען – אבער מאין יבא עזרי ? !




אלגעמיינע בילד פון ישיבה

## ו. פייערונג פון א גרונד־שטיין לייגען פאר א בנין הישיבה.

י״ב אלול תרצ״ב.

דער כח פון יחידים איז פשוט נישט אפצושאצען. דאכט זיך, אַלע גרויסע זאכען — דער עיקר אין אידישקייט — זענען געשאפען געווארען דורך יחידים. נישט אומזיסט איז די ראָל פון דעם גרויסען יהיד ביי די חז״ל אַזוי שטארק אקצענטירט.

אַ גליקליכער געדאנק איז איינגעפאלען אַ קאַמעניצער יוד, וואָס וואוינט אין אמעריקא — ר׳ גרשון גאלין, דאָס מיטן העלפען אויסבויען א היכל התורה פאר דער קאַמעניצער ישיבה. קען מען זיין אַ קונה עולם בשעה אחת. ער קומט קיין קאמעניץ, העלפט איינקויפען דעם פלאַץ פאר אַ בנין הישיבה און גיט די ערשטע מיטלען פארן אויפבוי פון דער ישיבה. א ביסעל געלט איז בעגעבען געווארען פון דער כאַווקין—פונדאציע און י״ב אלול תרצ״ב איז געלייגט געווארען דעם גרונט־שטיין פאר אַ בנין הישיבה.

דער עצם פאַקט וואס די ישיבה איז צוגעטרעטען בויען א אייגענעם בנין — האט ארויס־גערופען גרויס צופרידענהייט ביי נאָהענטע און ווייטע. די שטאט קאַמעניץ האט זיך זעהר ווארים אבגערופען. א סך רבנים פון אומגעגענד זענען זיך צונויפגעפאָהרען קיין קאמעניץ ביי־וואוינען דער פייערונג.




א בילד פון דער גרונד־שטיין־לייגונג פון נייעם בנין הישיבה.

## ז. מ׳ענדיגט דעם בנין – חנוכת הבית פייערונג פון א אייגענעם בנין הישיבה פאר „כנסת בית יצחק".

פיער יאָהר זענען פאריבער. דער מאנגעל אין געלט-מיטלען האט געשטערט צו פאַרענדיגען דעם בנין, לאנג זענען די ווענט געשטאנען מיואש׳דיג-כארלאזט, וויל געלט-שוועריגקייטען זענען געווען אויף יעדער שריט און טריט. איז ווייטער געקומען די אונערמידליכע אַנשטרענגונגען פון דער הנהלת הישיבה. ס׳זענען מאביליזירט געוואָרען אלע קרעפטען, אום צו פאַרענדיגען לכל הפחות דעם גרויסען לערן-זאַל אין דעם נייעם בנין, וואו די הונדערטער תלמידים זאָלען גלייך קאָנען אריינגיין לערנען.

אין רעזולטאט האט זיך די הנהלת הישיבה בעלאסטעט מיט חובות, צוליעב די גרויסע אויסגאַבען וועלכע דער בנין האָט געפאָדערט, אבער דער אידעאַל איז פערווירקליכט געוואָרען! ס׳איז געקומען דער אויסגעטרוימטער און אויסגעחלומ׳טער טאָג פון אלע תלמידים, וועלכע האָבען זוכה געווען צו דערזעהן, אז דער בנין איז פאַרענדיגט! די שמחה פון די בני הישיבה איז געווען גאָר אין לשער. ווארום ארויסגיין פון ענגען בית המדרש אין אזא ברחבות׳דיגען מאָדערן-געבויטען בנין, האָט געהייסען א יציאה מאפילה-לאורה. בכלל צייכענט זיך דער בנין אויס מיט זיין אימפאַנירענדען איינדרוק און איז געמאַכט לויט דער בעסטער טעכניק.



אין צוזאמענהאנג מיט דעם, איז אין די טעג ז׳ וח׳ חנוכה פון יאהר תרצ״ו פארגעקומען דער חנוכת-הבית פון גרויסען לערן-זאל אין נייעם בנין.

ס׳וענען געקומען פיל פערעהרער פון דער ישיבה אנטייל צו נעמען אין דער פייערונג פון דעם וועלט-בעריהמטען היכל התורה. ס׳האבען זיך בעטייליגט אין דער פייערליכקייט א גרויסע צאל רבנים, גאונים, ראשי-ישיבות. פון אלע גדולי ישראל זענען אנגעקומען בעגריסונגען. מען האט געמוזט זיין אויף דעם ארט אין קאמעניץ, כבדי צו האבען א באגריף פון דער גרויסער התלהבות און ענטוזיאסטישע מאניפעסטאציעס, וואס זענען געמאכט געווארען לכבוד דער תורה-יום-טוב פון כנסת בית יצחק. דאס האט באוויזען אויף דעם לעבעדיג-פולסירענדען כח וואס די תורה פארמאגט נאך ב״ה אין יודענטום. די ווירקליכקייט האט איבערגעשטיגען אלע ערוואַרטונגען און וועט אויף אייביג בלייבען איינגעקריצט אין זכרון.

פאר די טויזענדער תלמידים פון כנסת בית יצחק, וועלכע זענען צושפרייט איבער׳ן ערד קוגעל, איז דאס געוויס א דערפרייענדע בשורה. נאך אזוי פיעל גלות׳ן איז געקומען די גליקליכע שעה ווען די ישיבה איז געקומען אל המנוחה ואל הנחלה.

ליידער איז נאך א גרויסער טייל פון בנין געבליבען ניט פערענדיגט און עס פעהלען נאך פיעל איינריכטונגען, וועלכע זענען זעהר נויטיג פאר דער ישיבה, נאר צוליעב געלד מאנגעל איז מען געבליבען שטעהן אין מיטן. עס איז שוין אויך די העכסטע צייט צו פארענטפערן די דירות פראגע פאר די בני הישיבה, חייל אין אזא שטעטל ווי קאמעניץ איז אונמעגליך פאר אזא צאהל ישיבה-לייט, כן ירבו, צו קריגען פאסיגע וואהנונגען און עס קומט אויס פיעל צו ליידען פון דער ענגשאפט. מען מוז צוטרעטען צו פערווירקליכען דעם פלאן, צו בויען א גרויסען אינטערנאט פאר די בני הישיבה אויף דעם גרויסען פלאץ וואס די ישיבה פערמאגט. עס איז צו האפען, אז השי״ת וועט נאך אויך אויף דעם צושיקען א גואל, אום די גרויסע ישיבה זאל האבען אויך דעם ריכטיגען און פאסיגען ארט, וואו איינצוקווארטירען די הונדערטער בני הישיבה.

# ישיבות און זייער בעדייטונג

אין דער גייסטיג-קולטורעלער ענטוויקלונג פון יודישען פאָלק — האָבען שטענדיג געשפּילט די הויפּט-ראָל די ישיבות. אין דער אידישער געשיכטע — איז די ישיבה שטענדיג געווען יענער גרויסער גייסטיקער צענטער, וואו ס'האָבען געשעפּט אָלמענשלעכען און תורה'דיג-וויסען אַלע גרויסע מענשען פון יודענטום פון אַלע צייטען: די ישיבה איז געווען די שמידעריי וואו ס'איז אויסגעשמידט און אויסגעהעמערט געוואָרען דער גאַנצער אידישער תורה-גייסט, וועלכער איז געווען דער איינציג דעצידירענדער כח און לעבעדיגסטער פאַקטאָר אין אַלע לעבענסצווייגען פון אידישען פאָלק; דאָרט איז געפּפלאַנצט געוואָרען דער אידישער גייסט, דאָרט איז ווייטער געצויגען געוואָרען די גאָלדענע קייט פון דער מסורה, וועלכע ציהט זיך פונם מעמד הר סיני, און דאָרט איז זי איבערגעגעבען געוואָרען פון דור צו דור אין די שווערסטע און פינסטערסטע צייטען פאַרן אידישען פאָלק. די ישיבות זענען אויך שטענדיג געווען יענע „קעמערלאַך", וואו אַ פאָלק וואָס איז געוואָרען אָפּגעריסען פון זיין לאַנד במשך אַ קאַרגע פּאַר טויזנט יאָר און איז געווען אויסגעשטעלט אויף אַלע ערגסטע עינויים און פערפאָלגונגען מצד דער אַרומיגער וועלט — האָט געשעפּט מוט און האָפענונג אויף נישט ווערן צוזאַמענגעבראָכען. אין אַנבליק פון דער שווערסטער און טראַגישסטער לאַגע אין דער געשיכטע — האָט מיט זונען-ליכט, אבער, געשטראַהלט דער אידישער גייסט. וועלכער האָט זיך קאָנצענטרירט אין בתי מדרשים און ישיבות. אויף וויפיעל דער איד איז געווען פּערפייניגט און פיזיש צעבראָכען, האָט זיך אָבער זיין גייסט דערהויבען אויף אַדלער-פליגעל אריינקומענדיג אין בית המדרש. דאָרט האָט געברויזט מיט זיין גאַנצער דינאַמישער קראַפט דער אידישער גייסט. דאָס וואָרט פון די נביאים און די חז"ל האָט דאָרט געקלונגען הויך און ערמוטיגענד. עס האָט גערופען, געשטאַרקט און מיטגעריסען.

דער איד האָט דעמאָלט דערזעהן פאַר זיך נייע וועלטן, שענערע און ערהאַבענערע פון די אין וועלכע ער לעבט טאָג טעגליך.

דעריבער איז די ישיבה געווען נישט נור די היים פון די טויזענטער בני-תורה, וועלכע האָבען איהר אָנגעפילט — נור זי איז אויך געווען דער קנין און דאָס שענסטע אייגענטום פון גאַנצען כלל ישראל ווי פון דעם יחיד.

ס'איז בעוואוסט אַז די צוקונפט פון פאָלק ליגט אין איהר יוגענד. האָט דאָס פאָלק אַזאַ יוגענט וואָס איז געטריי די הייליגע פּרינציפּען פון פאָלק — אַ יוגענט וועלכע איז ציל-באַוואוסטזיניג, טראָגט הויך די פאָן פון עבר און געגענוואַרט און איז צוגעבונדען מיטן גאַנצן יוגענד ברען פון זייערע נשמות צו די הייליגע אידעאַלען און גייסטיגע אוצרות פון איהר שטאַם ביז צו מסירות נפש — דעמאָלט איז די צוקונפט פון פאָלק אַ געזיכערטע.

דאָס זענען די ישיבות: אין די ישיבות האָבען זיך אַמאָל קאָנצענטרירט דער רוב מנין ורוב בנין פון דער אידישער יוגענד. דאָרט האָבען זיי געקריגען זייער תורה בילדונג און פון דאָרט איז זייער השפעה געגאַנגען דירעקט אָדער אונדירעקט אויף דעם טייל, וועלכער האָט נישט זוכה געווען צו לערנען אין די ישיבות.

די ליכטיגע פייערען וועלכע זענען אנגעצונדען געווארען אין די תורה-צענטערען — האבען געצויגען צו זיך דער אידישער יוגענד מארבע כנפות הארץ. פון די פערוואר-פענסטע מקומות זענען ווי זיך צונויפגעקומען. דאס האט געשאפען א שטיקעל קבוץ גליות. דער אידישער גייסט איז געווען געשטארקט און געקרעפטיגט. — האבען מארקוועמדא'ס און אנדערע רשעים געמעגט מאכען אינקוויזיציעס און שייטערהויפענס; האבען פרעמדע געמענט מיינען אז דער עם ישראל געהט חס וחלילה אונטער, אבער דאס אידישע פאלק זעלבסט איז געווען זיכער אין זיין צוקונפט ווען עס האט פערמאגט אזא יוגענד וועלכע ס'האבען איהם געליפערט די ישיבות.

מיטן חרוב ווערען פון דער אידישער מלוכה און בית המקדש, איז די ישיבה געווארען דער איינציגער מקדש מעט. וואוהין ס'זענען געווען געווענדעט די אויגען פון גאנצען כלל ישראל. אין ענגען געטא, וואו ס'איז געשטאנען די ישיבה — האט זיך אבער בריים צוקלונגען איבער דער גארער וועלט דער קול התורה. פון דארט איז — ווי פון אמאליגען אורים ותומים — ארויסגעגאנגען אנ'ענטפער אויף אלע צייט-פראגען פון לעבן. לייענט מען די תשובות פון א מהרי"ק, תשב"ץ און אנדערע ראשונים ואחרונים — איבער-ציינט מען זיך, וואס פאר א שטארקער קאנטאקט ס'האט געהאט דער אלגעמיינער אידישער לעבן מיט די ישיבות.

דעריבער טאקע איז דער יוד, אנווערענדיג אפילו זיין אייגענע מלוכה — געבליבען א טרייער בירגער פון דער תורה-מלוכה, וועלכע ס'האבען מיט זיך פארגעשטעלט די ישיבות. פאר זייער דערהאלטונג האט מען, אין די שווערסטע און קריטישסטע עקאנא-מישע באדינגונגען, געצאהלט פרייוויליג דעם גרעסטען שטייער. ווארום אויב די גאנצע וועלט האלט זיך דאך נור אויפן זכות התורה — „אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי״ — פערשטעהט זיך — וואס פאר א גרויסע בעדייטונג האט תורה פארן עם ישראל זעלבסט!

געוויס קען דאס א פרעמדער נישט פיהלען און נישט פארשטיין, און ווען דער הייליגער תנא ר׳ יוחנן בן זכאי, האט געבעטען ביי דעם רוימישען הערשער די בעשיידענע בקשה פון „תן לי יבנה וחכמיה״, האט דאס געמוזט אויסקומען קליין און נישטיג אין די אויגען פון דעם אלמעכטיגען רוימער. — וואס פאר א בעדייטונג קען דארט האבען יבנה מיט איהר ישיבה קעגן דער גרויסער רומישער אימפעריע, אונטער וועמענס סוב-טרים ס'האבען פעלקער געציטערט, פארסיליגט געווארען און אונטערגעגאנגען!

אבער די געשיכטע לערנט עפעס אנדערש. זי האט באוויזען, אז דוקא די קליינע און ארימע יבנה זאל בעזיצען מעהר קראפט. אויסדויער און אייזען-פעסטקייט אויף איבערטראגען די שטורעמס פון דער צייט, ווי דאס שטארקע רוים...

נאך דער יבנה פון גרויסען תנא ר׳ יוחנן בן זכאי זענען געקומען אנדערע יבנה'ס; ס'זענען געווען די יבנה'ס פון אמוראים, רבנן סבוראי, גאונים, ראשונים ואחרונים ביז די ישיבות פון אונזער צייט.

זיי אלע ציהען ווייטער די גאלדערנע קייט פון סיני, זייענדיג דורכגעדרונגען מיטן ריינעם תורה-גייסט, וואס מיט דעם איינציג איז פארבינדען דער קיום פון יודישען פאלק — ווייל ישראל ואורייתא וקודשא בריך הוא — חד הוא.

ב.

ס'זענען ליידער אוועק יענע גליקליכע צייטען ווען די אידישע יוגענד האט

מאסענווייז אויסגעפיהלט די ישיבה-ווענד. אַ נייע צייט איז געקומען און נייע ווינטען האָבען דאָ און דאָרט גענומען בלאָזען. ס׳קומט-פאָר אַ שרעקליכער נעראַנגעל ביי וועלכען די אידישע יוגנט, אין איהר גרויסער מערהייט, ווערט, דורך צייט שטורעמס, אַוועקגעריסען פון די גייסטיגע קוואַלען פון יודישען פאָלק און ווערט געשליידערט אין די אָרעמס פון כפירה, ג-טלאָזיגקייט, מאַטעריאַליזם און עם-הארצות.

פון דער צווייטער זייט, לעבען מיר היינט אין אַ מאָמענט וואָס מוז בעצייכענט ווערען אַלס אַ גוויל-שעה פאַר דער אידישער געשיכטע. די אידישע לאַגע אין גאַר דער וועלט האָט דערגרייכט ביז די העכסטע טראַגיק און זעהט אויס ווי פאַר אַ צוזאַמענברוך אין איהר פּאָליטיש-עקאָנאָמישען צושטאַנד. סאיז יענע העכסטע פערצווייפלונג וועגען וועלכע ס׳ווערט געזאָגט: „מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה“. סאיז דאָך קלאָר: ווען נאָך ווי היינט נויטיגען מיר זיך אין יענער שוץ-וואַנד, וועלכע די תורה שטעלט מיט זיך פאָר ווען יודען היטען די תורה; ס׳קומט אַ מאָמענט וואָס מיר פרעגען זיך אַליין: וואו נעמט מען די דויערהאַפטיגקייט אויף איבערטראָגען דאָס שלעכטע אין בייזע פון די כוואַליעס פון דער צייט; וואו נעמט מען היינט יענע גייסטיגע קראַפט וועלכע האָט דעם יודישען פאָלק אַזוי שטאַרק געמאַכט און איהם געגעבען כח צו קעמפען קעגן זיינע אַלע שונאים?

ס׳איז טאַקע אמת: עוד לא אלמן ישראל. זיי זענען, אָבער, אַזוי ווייניג פאַרהאַן. די פערבליבענע ישיבות זענען ביי היינטיגען טאָג דער איינציגער ליכטיגער שטראַהל אויף די פערוואָלקענטע הימלען פון ישראל. דאָרט ווערט נאָך דער אידישער גייסט געפּפלעגט אין זיין אור-שפּרינגליכקייט ווי נעכטען און ווי אַמאָל. פון די ד׳ אמות של הלכה דאַרף דאָס תורה-ליכט פערשפּרייט ווערען אויף דער וועלט און פון דאָרט מוז צוריקגעגעבען ווערן דעם יודישען פאָלק זיין אַמאָליגער גלאַנץ און רוהם. אל תגעו במשיחי אלו תנוקות של בית רבן–פון דאָרטען דאַרף עס קומען די יודישע גאולה, די יודישע ערלייזונג.

און שטעלט מעגען מיר טאַקע זיין מיט דעם וואָס ווען מיר טרעטען אַריבער דעם שוועל פון אַ ישיבה טרעפען מיר דאָרט אַ יוגענד, וועלכע וויל, ווי די אַמאָליגע חשמונאים, אַנצינדען צוריק אין די אידישע הערצער דעם ליכטיגען פייער פון דער תורה. דאָס גיט אונז האָפענונג אין דער צוקונפט פון עם ישראל. מיר געהען אַריין אין אַ ישיבה, ווי ס׳שטעלט מיט זיך פאַר ישיבת „כנסת בית יצחק“, דערזעהען מיר טאַקע אין אַנבליק פון דער תקופה אין וועלכער מיר לעבען–וואונדער איבער וואונדער!

פון אַלע עקען וועלט ציהען אַהין די חשמונאים-יחידים, פון די פערוואָרפענסטע ווינקעלאַך פון דער יודישער דיאַספּאָראַ זענען זיי זיך צונויפגעקומען אַלע מיט איין גרויסען און הייליגען בעגעהר צו לערנען און פאַרשטיין דער הייליגער תורה, איהר דערזעהט אַ קבוץ גליות בזעיר אנפין, וועלכער האָט פאַר זיך נור דעם הייליגען ציעל פון: „ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך“,–דאָס איז געוויס דער גרעסטער וואונדער פון דער טרויעריגער עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבען.

ווען מיר גייען אַריין אין היכל התורה פון „כנסת בית יצחק“ און מ׳דערזעהט פאַר זיך דאָס גרויסע פילפאַרביגע בילד פון אַריבער דריי הונדערט בני תורה (כ״י) וועלכע האָבען דורכגעמאַכט די גרעסטע אַנשטרענגונגען, ווייטע ימים און גרעניצען, מיט נישט ווייניג פאַרבונדענעם דערביי מסירות נפש–ווי זיי האָבען זיך יעצט אַריינגעוואָרפען מיטן

גאַנצען ברען און אייפערדיגער התמדה צו די אַלט־פרישע קוואַלען פון דער יודישער אייביגקייט—מוז דאָס, ביי אונזערע צייט־גייסטיגע פערהעלטעניסען, ארויסרופען די גרעס־טע אַנערקענונג.

ווען מען בלאָנדזעט אין אַ מדבר און אַ בליהענדע מזרח־זון רערצו שלאָגט אין קאָפּ אויף פאַרברענט צו ווערן פון היץ און דורשט—קען מען זיך דען פאָרשטעלען אין געדאַנק דעם גליק, וואָס אַזאַ בלאָנדזענדער לעבט אַדורך, ווען ער געפינט אין דער מדבר אַ אָאזיס מיט אַ פרישען קוואַל וואַסער? ניין! דאָס מוז מען אַליין דורכ־לעבען!

אַזאַ מין געפיהל נעהט אוים, לעבען־דורך די הונדערטער יונגעלייט פון דער גאַנ־צער וועלט, וועלכע ציהען קיין כנסת בית יצחק, ווי צו אַ שפרודעלדיגען קוואַל. פון דער וועלט פון בלאָנדזעניש און פינסטערקייט. און טאַקע אין אַזאַ פינסטערע צייט, דוקא אין אַ צייט ווען דער אידישער כבוד ווערט דורך פאַרשידענע משוגענע סאָרי־יעס געטראָטען מיט די פיס—ווען יעדער כוליגאַן וויל גרוים ווערען אויפ'ן חשבון פון אידישע דערנידערונגען, דערמען מיר זאָגען: אידיש פאָלק! ווער נישט פערצווייפעלט! עס איז טאַקע אַ „עידן רתחא"—אָבער אין אַ עידן רתחא—איז „לך עמי בא בחדריך" (ישעי' כ"ו). ווען מיר געהען אוועק מיט זיך אַליין און מיר מאַכען אַ חשבון פון דעם וואָס עס טהוט זיך אין אונזערע חררים—אונזערע אהלי תורה, גיט דאָס נאָך אונז צו אַ סך מוט און האָפענונג,—ווייל מיר דערזעהן דאָרט אין די ישיבות פאר זיך אַ יוגענד, וועלכע איז בעוואָפענט מיט התמדה און התלהבות אין דער תורה פון אַ בן עזאי און אנדערע הייליגסטע מענער פון יודענטום, און העראָישער גבורה טראָגען זיי מיט זיך קעגענצושטעלען אַלע שטורעמס פון דער צייט. כאָטש זיי זענען אַ קליינע מינדערהייט—ווי די אַמאָליגע מכבים.

ג.

ווי אַזוי דאַרפען זיך געשטאַלטען ביי היינטיגס טאָג די אינערליך־גייסטיגע אויפ־גאַבען פון אַ ישיבה? מרן הגאון הצדיק ר' ברוך דוב לייבאָוויטש שליט"א פאָרמולירט עס קלאָר און פשוט: די פליכט פון אַ ישיבה איז צו שאַפען ג א ו נ י ם ג ד ו ל י ה ת ו ר ה פאַרן כלל ישראל. און ער גיט שטענדיג צו: ווי גליקליך וואָלט דער כלל ישראל זיך געדאַרפט פיהלען ווען ס'לעבען צווישען אונז די גאונים פון פריהערדיגען דור. ווי אַ ר' יצחק אלחנן זצ"ל, אַ ר' יוסף בער זצ"ל אָדער זיין רבי ר' חיים בריסקער זצ"ל. דער יודישער צבור וואָלט ויך דאַן געפיהלט אַ סך שטאַרקער ווען בראש פון איהם זאָלען ויך געפינען די גאונים מאורי ישראל פון די פריהערדינע דורות.

מרן האדמו"ר שליט"א בעמיהט זיך טאַקע, אַז „כנסת בית יצחק" זאָל ערפילען אָט די הויכע אויפגאַבע פון אַזאַ ישיבה, אויף ארויסגעבען גאונים פארן כלל ישראל.

עס זענען געווען צייטען—און טאַקע גאָר נישט לאַנג—ווען די פליכטען בכלל פון אַ ישיבה האָבען זיך געדאַרפט ריכטען נור אין דער אויבענדערמאַנטער ריכטונג. וואָ־רום שטענדיג האַנד ביי האַנד מיט דער ישיבה איז געגאַנגען דער בית המדרש, וועל־כער איז אויך פול געווען מיט לומדים און בני תורה. די ישיבה האָט נור ערגענצט דעם בית המדרש, די יודישע גאס איז פול געווען מיט תורה און די פליכט פון דער ישיבה איז געווען נור ארויסצוגעבען דעם טיפ גאון—שר התורה פאר דער יודישער גאס. ליידער איז אין אונזער צייט די פליכט פון אַ ישיבה אַ פיל ברייטערע, וואָרום זי דאַרף



מרן הגאון הצדיק שליט"א אין בעגלייטונג פון תלמידים

אויף ליפערען דעם מאטעריאל פאר דעם צוקונפטיגען בית המדרש פון נייעם דור, וועלכער איז חייס פון תורה און יודישקייט.

צוקוקענדיג די גרויסע עם־הארצות אויף דער יודישער גאס—כוז מען קומען צו דער מסקנא, אז די ראל פון דער ישיבה דארף פארדאפעלט ווערן, איהרע גרעניצען מוזען זיך אויסברייטערען, כדי זי זאל קענען אויסבילדען פאר דער צוקונפט די יודישע תורה־גאס. ביי אזא לאנגע קען געוויס נישט צופרידענשטעלען דער הייפעל פון די בני תורה, וועלכע פיהלען אוים די ישיבות.

איז אבער דער עקאנאמישער מצב פון די ישיבות אזעלכער, אז ס'טרעפט מאנכע מאהל ווען עס קומען יונגע בני תורה אויף אנגענומען ווערן אין דער ישיבה, אבער, צום גרויסען צער און בעדויערען פון די מנהלי הישיבה, ווערן זיי צוריקגעוויזען צוליעב דעם ווייל די עקאנאמישע לאגע דערלויבט דאס נישט. דאס איז געוויס ביי היינטיגס טאג דאס טרויעריגסטע און פיינליכסטע ביי דער ישיבה.

ד.

ווען מען רעדט בכלל וועגן דער בעדייטונג וואס ישיבות האבען אין לעבען פון אידישען פאלק—מוז מען זיך ספעציעל פערהאלטען אויף דער גרויסער היסטארישער בעדייטונג, וואס עס האט די וועלט־ישיבה פון אונזער צייט—„כנסת בית יצחק".

עס איז א שיינע בלאט אין דער געשיכטע פון יודענטום בכלל און פון תורה־יודענטום בפרט—וואס ס'איז ערמעגליכט געווארען די עקזיסטענץ פון אזא וועלט־ישיבה וואס איז געווארען א ברכה פארן כלל ישראל במשך פון א לאנגער תקופה. דער צייטאבשניט פון א קארגען יובל וואס ס'עקזיסטירט די תורה־פעסטונג, איז א גענוגענדער בעוויז פון איהר בעדייטענדער גייסטיגער פרוכטבארקייט און פון איהר ווירקונג אויף דער יודישער וועלט.

די תלמידים פון כנסת בית יצחק זענען צוטפרייט איבערן גאנצען ערד־קוגעל

און אומעטום ברענגען זיי מיט זיך די גייסטיגע פרוכט וואס זיי האבען אנגעזאמעלט אין ישיבת „כנסת בית יצחק". דאס געשעהט א דאנק דעם וואס אין דער שפיץ פון דעם גרויסען תורה-צענטער שטעהט די גיגאנטישע פערזענליכקייט פון מרן הגאון שליט"א, וואס איהר פיהלט זיין וואכזאמקייט אויף שריט און טריט—איז דעריבער קיין וואונדער נישט וואס דער ערפאלג פון דער ישיבה איז אזא בעדייטענדער און געזיכערטער.

ביי דער געלעגענהייט איז ווערט צו דערמאנען די ווערטער וואס מרן הגאון הצדיק שליט"א האט געלאזט פאלען בעת איינער פון זיינע מוסר דרשות פאר דער ישיבה: „איך וויל האבען – האט ער געזאגט: — דאס ביי אונז אין ישיבה זאל מען לערנען אויפן זעלבען אופן ווי עס האבען געלערנט מיינע רביים (נעמיינט: רשכבה"ג ר' חיים סאלאווייציג זצ"ל און דעם נצי"ב מוואלאזשין זצ"ל) און ווי מ'האט געלערנט ביי ר' עקיבא אייגער זיע"א אין ישיבה און ביי אנדערע גדולים". מרן האדמו"ר שליט"א וועלכער דענקט געוויס מיט אנדערע און העכערע קאטעגאריעס ווי פון זיין צייט...‚ ער, וועלכער לעבט אינגאנצען אין דער גייסטיגער וועלט פון תורה און יראת שמים, האט נוט אנגעצייכענט די ליניע אויף וועלכער ער פיהרט זיין ישיבה, דאס איז די ליניע וועלכע ציהט זיך איבער דורות פון א ר' יוחנן בן זכאי ביז צו א ר' עקיבא אייגער און פון א ר' עקיבא אייגער ביז דער לעצטער צייט. און אזוי מוז זי פארטגעזעצט ווערען אין דער צוקונפט.

מרן האדמו"ר שליט"א אלס עלטסטער תלמיד פון ר' חיים סאלאווייציק זצ"ל האט מיט זיין גאנצער עמקות איבערגענומען דעם דרך התורה פון זיין גרויסען רבין. און נאכמעהר: ער האט דעם דרך פערוואנדעלט אין א תקופה. וואָרום במשך פון דער לאנגער צייט, וואס ער איז ראש ישיבה, האט ער געשאפען ארום זיך קאדרען, וועלכע צעהלען אין די טויזענטער תלמידים, וועלכע לערנען לויטן דרך התורה פון ר' חיים בריסקער זצ"ל, דערביי מיט דער גרויסער פערטיעפונג פון זייער רבין מרן הגאון שליט"א. און דא און דארט זענען דא תלמידים גאונים גדולי התורה, וועלכע ווערצלען איין, ווערענדיג אליין ראשי ישיבות און רבנים, דעם דרך התורה וואס זיי האבען געלערנט ביי מרן שליט"א. אזוי ארום ווערט פארשפרייט אין אלע וועלט-טיילען די ליכטיגקייט פון כנסת בית יצחק און ס'ווערט אויסגעשמידט א נייע תקופה אין תורה-יודענטום. ודעי מענס הויפט טרעגער עס איז מרן האדמו"ר הגאון הצדיק ר' ברוך דוב ליבאוויטש שליט"א און זיין ישיבה „כנסת בית יצחק", וועלכע די השגחה האט אוועקגעשטעלט אלס א „בית היוצר לנשמת האומה הישראלית".

# אין דער מלכות פון תורה

(די ישיבה־סדרים אין ישיבת „כנסת בית יצחק".—שעורים.—ועדים לתורה.—למוד המוסר.—ישיבה'שע אינסטיטוציעס און נאך)

## אין דער ישיבה.

גלייך ביים ערשטען אריינגאנג אויף דעם הויף פון דער ישיבה ציהט די אויפמערקזאמקייט א אימפאזאנטער, גרויסער און פרעכטיגער צוויי שטאקיגער בנין, עסטעטיש געבויט, וועלכער שטעהט אויף דעם ברחבות'דיגען הויף:—דאס איז דער בנין הישיבה פון „כנסת בית יצחק".

נאך זייענדיג אין דרויסען הערסטו שוין פון ווייטען דעם קול התורה, וועלכער שפארט־דורך די הויכע געמויערטע ווענט און זיין עכא הילכט־אפ גאר ווייט... ביים אריינקומען אין ישיבה איז דער איינדרוק א געוואלדיגער; קודם כל פארכאפט דאס אויג דאס הערליכע בילד וואס ווערט פלוצלינג אנטפלעקט: מ'זעהט נישט פאר זיך קיין איינצעלנע לעבעדיגע געשטאלטען; מ'זעהט נישט פאר זיך די פארבען און מאטעריאלען וואס שאפען די פרעכטיגע בילד—מ'דערזעהט נור פאר זיך איין גרויסען ריזיגען כאר פון אריבער דריי הונדערט יונגע צוברויזטע נשמות, וואס זיינען געווארען איין „חטיבה" אין גיבען פון זיך ארויס א וואונדערבארען אקארד פון איבערערדישע טענער.

מ'דערזעהט פאר זיך א נייע וועלט פון גייסטיגע יצירה און עליה, וואו אלע חושים זענען קאנצענטרירט אין א העכערע ספערע: איהר דערזעהט פאר זיך מענשען וואס האבען זיך ארויסגעריסען פון אלע טאג־טעגליכע זארגען און נויטען—ווארום די מערהייט פון די תלמידי הישיבה קומען דאך פארט פון ארימע פוילישע, רוסישע און דייטשע היימען—און זיך אריינגעווארפען מיט אלע רמ"ח איברים אין די אלטע קוואלען, פונוואנען עס שטראמט ארויס דער „נצח ישראל".

דא, אין ישיבה, זענען פארשוואונדען געווארען אלע גרעניצען און מחיצות וועלכע טיילען סונאנדער פעלקער, לענדער און מענשען. דאס פילפארביגע בילד פון דער ישיבה שלאגט זיך אפ ווי א רעגענבויגען. דאס איז א מין קבוץ־גליות בזעיר אנפין. ווארום די ישיבה איז אנגעפילט מיט יונגעליים מכל תפוצות ישראל, ס'זיצען די תלמידים פון פוילען, אמעריקא, דייטשלאנד, ענגלנא, בעלגיע און ליטע—צוזאמען מיט זייערע חברים די תלמידים פון דענעמארק, שווייץ, אונגארן און ארץ־ישראל. יעדערער האט זיך דאך זיין מענטאליטעט; יעדערער בעזונדער פארמאגט דאך זיינע אייגענשאפטען און כאראק־

טער־שטריכען—אבער דא האבען זיך אלע צוזאמענגעגאסען אין איין וואונדערליכער הארמאניע ׳—ס׳זענען פארווישט געווארען די גרעניצען צווישען „אסט״ און „וועסט״ — דו זעהסט נור ווי אלע זענען דורכגעדרונגען מיט איין גרויסען דראנג און באגעהר, צו לערנען מיט וואס מעהרער ברען און התמדה און צו־פארשטיין אלץ ברייטער און טיפער.

דעם גרעסטען טייל פון אויסלענדישען עולם בילדען די אמעריקאנער, דייטשע און דענישע תלמידים, זיי האבען זיך דא זייערע אייגענע „קאלאניעס״ פון היימישע לאנדסלייט, א סך פון זיי זענען שוין בכלל קיין „פנים־חדשות״ נישט אין ישיבה. ווארום לערנענדיג אין ישיבה עטליכע יאהר האבען זיי פיל אויסגעשטיגען און בעוויזען צו ווערן גוטע און אויסגעצייכענטע תלמידים, בעזונדערס צייכענען זיך אויס די אמעריקא־נער מיט זייערע פילזייטיגע תורה־ידיעות, פעראנטווארטליכקייט און ציל־בעוואוסטזיניגקייט צו פארשפרייטען תורה מעבר לים, די דייטשען צייכענען זיך אויס מיט זייער פינקטליכ־קייט, פרומקייט און התמדה. זיי אלע זענען א דאנקבארער עלעמענט פאר דער ישיבה און יעדער איינער אויף זיין שטייגער איז קונה שלימות דא אין דעם וואונדערבארען היכל התורה והיראה.

## די סדרים פון ישיבה

פאר א זייטיגען צושויער איז זיך שווער פארציטשטעלען אז אין „כנסת בית יצחק״ עקזיסטירט א סדר, ד. ה. א בעשטימטע צייט צו לערנען, ווארום מען לערנט אין ישיבה כסדר אן א אויפהער, פון פארטאג ביז אין דער טיפער נאכט אריין. ווען דאס ארומיגע שטעדטל איז שוין גוט פארזונקען אין טיפען שלאף ברומען נאך העם ווייט די קולות פון די יונגע בני תורה, וועלכע פיהלען־אויס דעם נאכט־רוים און דערמאנען די גבורה און שעהנקייט פון די גרויסע און הייליגע מתמידים פון אמאל...

אין ישיבה אבער איז פארט דא א פערפליכטענדער סדר הלמוד, וועלכער שטעלט זיך פאר אויף אזא אופן: האלב אכט פרי איז דער זמן התפלה אין ישיבה. צו דער בעשטימטער צייט מוזען קומען אלע תלמידים אין ישיבה דאווענען. פון 9־פרי פאנגט זיך־אן דער סדר הקבוע פון לערנען. דאס דויערט ביז צוויי בייטאג. פון צוויי ביז פיער איז די צייט פון מיטאג און שפאציר. פיער פארנאכט הויבט זיך אן דער סדר שני, וועלכע דויערט ביז האלב צעהן אוונט. אין דעם געהט שוין אריין א האלבע שעה מוסר, וועלכער ווערט געלערנט טאג טעגליך ביים סוף פון סדר שני.

אלזא: דאס איז א גאנצער טאג פון א רעגולערער פערטיפפונג אין די אייביגע גייסטיגע ווערטהן פון יודענטום. דער אויבערדערמאהנטער סדר איז אבליגאטאריש פאר אלעמען. אבער די מתמידים אין ישיבה בעפרידיגט דאס נאך נישט... לויט זייער מיינונג — איז דוקא די פאסיגסטע צייט אויף א גרינדליכע פארטיפונג אין לערנען — די נאכט... דעמאלט, האלטען זיי, איז דער גרעסטער „עת רצון״ צו פארענטפערן א שווערען רמב״ם, אז׳ער מיישב זיין א הארבע קשיא, וועלכע מאטערט דעם מוח א גאנצען טאג... די קליינשטעדטלדיגע נאכט מיט איהר מלכות׳דיגער שלוה׳דיגקייט—שאפט א בעזונדערס גינסטיגע אטמאספער אויף רוהיג דורכטראכטען און אנאליזירען דאס אלעס. וואס מ׳האט בייטאג דורכגעלערנט. פארט: לא איברא לילא אלא לגירסא! הילכט טאקע־אפ דער קול התורה אין „כנסת בית יצחק״ ביז אין די שפעטסטע נאכט־שעהן. אזעלכע מתמידים וואס לערנען ביינאכט א סדר שלישי איבער דעם נארמאלען סדר בעטרעפט קיינמאהל

נישט וועניגער ווי כערך צעהן מנינים.

## שיעורים.

דעם הויפט-אינטערעס ביי די תלמידים פון ישיבה רופט געוועהנליך אַרויס, דער שיעור פון מרן האדכו"ר הגאון הצדיק ר' ברוך דוב לייבאָוויטש שליט"א. ער איז דאָך בכלל דער גאנצער עמוד־התוך פון דעם גינאַנטישען תורה בנין וואָס הייסט: „כנסת בית יצחק" און זיין יעדער שיעור איז פאַר די בני הישיבה א געשעהעניש.

צו זיין שיעור גרייטען זיך אַלע תלמידים, מ'קוקט-דורך די אַלע מקורים, וועל־כע וועלן אין דעם שיעור בעריהרט ווערען, די מקורים ווערען מיטגעטיילט דעם עולם הישיבה דורך א מודעה.

מ'דאַרף געדענקען דאָס צום שיעור פון מרן שליט"א, וועלכער איז געוואָרען דורך איהם זעלבסט פריהער דורכגעזיפט דורך זיבן זיפען אום ער זאָל אויסהאַלטען לויט אַלע יסודות פון ש"ס און ראשונים—מוז מען זיין גוט צוגעגרייט, בכדי צו קענען באַנעמען די גאַנצע עמקות, יגיעה און סברא־געזונדקייט וואָס מרן גיט אין איהם אריין. די שיעורים פון מרן שליט"א עפענען פשוט די אויגען פון די תלמידים. זיין אַנגעצייכענ־טע ליניע אין דער אָדער יענער סוגיא, דינט שוין שפעטער פאַר די תלמידים אויף אַ ווייטערדיגע פאַרטיעפונג און ס'העלפט אויך צו בעגרייפען אַ סך שווערע שטעלען אין ש"ס—האַלטענדיג זיך ביי די לאמתה של תורה'דיגע יסודות און ריכטליניען, וועלכע זענען אַנגעדייטעט געוואָרען דורך מרן שליט"א.

די שיעורים פון מרן הגאון שליט"א האָבען זייער ברייטען און ווייטען אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער תורה-וועלט. א בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט ווערט צו זיי געווענדעט מצד אַלע ישיבות, וואו ס'ווערט געוואוינען און געמאַסטען יעדער שיעור פון מר. שליט"א. יעדער תורה-וואָרט פון דעם גאון הדור דינט אַלס אַ געזעץ און הבנת התורה ביי דער גאַנצער לומדישער וועלט.

די שיעורים פאַרמאָגען אויסער זייער לומדיש־הלכה'שען פאַרנעם—אויך דאָס, וואָס ווי גיבען אונדירעקט אַ גרויסען בייטראָג צו קריעגען אמתע א ה ב ת ה ת ו ר ה! מ'מוז טאַקע מיט די אייגענע אויגען זעהן און מיט די אויערען הערען דעם גאַנצען אופן, ווי אַזוי ס'פאַלט דער שיעור פון מויל פונ'ם גרויסען גאון ווען ער שטעהט אויף דער קליינער אָרון-קודש בימה'לע — דעמאָלט דערזעהט מען אין דעם עפּעס איבער־ערדישעס!

מ'דאַרף הערען און זעהן מיט וואָס פאַר א הייליגען ציטער ער ווערט דורכגע־דרונגען אינגאַנצען, ווען ער נעמט דערמאָהנען דעם אָדער יענעם תנא און אַמורא. זון מיט וואָס פאַר א פּיעטעט ער דערמאָנט אַ סברא פון א רמב"ם, רמב"ן אָדער אַנדער ראשון וועמען ער טיטולירט: דער הייליגער תנא, דער הייליגער רמב"ם, דער הייליגער רמב"ן, דער הייליגער רשב"א א. א. וו.

אַ! מ'דאַרף דעמאָלט זעהן די שמחה וואָס ער אַליין לעבט-דורך זאָגענדיג דעם שיעור, ווען עס געלינגט איהם צו ציעלען, מיט די יַשרות פון זיין סברא, צו דעם, וואָס די ראשונים האָבען געמיינט.

אויפן פסוק „כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו" וכו' זאָגען די חז"ל: אם דומה הרב למלאך, תורה יבקשו מפיהו וכו'.

פאַר די וועלכע זעהן פאַר זיך דעם גרויסען גאון, וועלכער פיהלט אויס אַלע

זיינע טעג און נעכט איינציג אין דער וועלט פון תנאים ואמוראים, מפרשים, ראשונים ואחרונים. ווען ער שענקט אוועק די אומערמידליכע יגיעה פון זיין גאנצן לעבן — ווי ער שטעהט מיט זיין גאונישען הדרת פנים און זאגט דעם שיעור, דאכט זיך אויס, אז דאס שטעהט נישט פאר אונז קיין מענש פון אונזער צייט — אונזערער א בן־דור — נור דאס איז איינער פון די אמאליגע גאונים פון פאר הונדערטער יאהרען צוריק... מרן הגאון שליט״א וועלכער פיהרט אונז אוועק אין דער גייסטיג־ערהאבענער וועלט פון גדולי הראשונים פיהלט גאר אליין נישט, דאס מיר, זיינע תלמידים, האבען א געפיל ווי ס׳וואלט געשטאנען פאר אונז איינער וואס האט פארבלאנדזעט פון יענער וועלט צייט... אין היינטיגען דור.

דער שיעור פון מרן געדויערט עפעס מעהר ווי א שעה און ווערט געזאגט דורך איהם דריי מאל וועכענטליך. צו דעם קומען נאך צו, די התעוררות שמועסן וואס ווערן געהאלטען דורך מרן שליט״א פון צייט צו צייט, אויף התחזקות אין יראת שמים.

איין מאל אין וואך ווערט אויך שטענדיג געזאגט א שיעור דורך הר״מ, דער איידעם פון מרן שליט״א, הגאון ר׳ ראובן גראוואווסקי שליט״א. ער איז אויך דער פאקטישער לייטער און מנהל פון ישיבה. זיין שיעור צייכענט זיך אויס מיט טיעפער לאגיק, חריפית און פיל בקיאות בש״ס ופוסקים. ער ווערט אויך א סך אפאנירט און דעבאטירט דורך די שארפסטע מוחות פון די בני הישיבה, ווייל דער שיעור רופט ביי זיי ארויס גרויס אינטערעס צוליעב זיין לאגישקייט און אריגינאליטעט.

א צווייטער שיעור ווערט געזאגט איין מאל וועכענטליך דורך הר״מ הגאון ר׳ משה בערענשטיין שליט״א — א איידעם פון מרן, דער שיעור צייכענט אויס מיט זיין גרוי־סער אין טיעפער הבנה און רופט ארויס גרויס אויפזעהן ביי אלע תלמידים.

דורך די שיעורים פון מרן שליט״א ווערט דער עולם הישיבה בעקאנט כמעט אין די גאנצע חדושי תורה פון רשכבה״ג ר׳ חיים סאלאווייציג זצ״ל — ווייל מרן שליט״א דערמאנט די רייד פון זיין גרויסען רבין ביי יעדער געלעגענהייט און ער בעמיהט זיך אויסצושטימען זיינע אייגענע חרו״ת מיט זיין רבינ׳ס.

אויסער די שעורים שמועסט מרן הגאון מיט זיינע תלמידים אויף אלע סוגיות הקשות פון ש״ס, הויפטזעכטליך סהוען דאס יענע תלמידים וועלכע לערנען אויסער דער אלגעמיינער מסכתא וואס איז אבלינאטאריש אין דעם זמן פאר אלעמען — אויך אנדערע מסכתות פון גאנץ ש״ס אלס צוגאב.

## ועדים לחדושי תורה און יחידים מחדשים.

די תלמידי הישיבה הערען כסדר שיעורים דורך וועלכע זיי בעקענען זיך מיט אלע כללים און יסודות אין לערנען.

בכדי אויסבילדען די בני הישיבה דאס זיי זאלען אליין זיך פערטיעפען יעדער איינער לויט זיין געדאנקען־גאנג אין אלע הלכה־פראבלעמען — זענען איינגעשטעלט אין ישיבה „ועדים״. די „ועדים״ בעשטייען פון חברים־קרייזלאך, וואו ס׳ליגט א פליכט אויף יעדען מיטגלידער פון „ועד״ צו איבערזאגען פון צייט צו צייט א אייגענעם דבר־חידוש פאר די חברי ה„ועד״. א האלבע שעה געדויערט דער „ועד״ דאס כאוועגט דעם בעט־רעפענדען ער זאל נישטערען אומעטום, בכדי ארויספרענגען א וואס־מעהר געלונגענערע און אויסגעהאלטענערע שאפונג פאר זיינע חברים, פערשטענדליך, דאס בעת יעדער

איינער זאגט, ענטוויקעלט זיך א פייערדיגער משא ומתן בהלכה און א פלפול חברים. די „ועדים" זענען איינגעשטעלט לויט יעדערנס כשרונות און מדרגה אין לערנען.

די ישיבה, וועלכע פארמאגט א סך עילויים און בכלל גרויסע למדנים פון פויליען, רוסישען און א טייל אויסלענדישען עולם, די, וועלכע האבען שוין איינגעזאפט פיל פון דעם דרך התורה פון מרן שליט"א — בילדעט אויס אויף א דירעקטען אופן יחידים, וועלכע זענען מחדש אויסגעצייכענטע חידושי תורה. יענע וועלען געוויס שב"ען אין דער צוקונפט אלס גרויסע גאונים. פון זיי זענען דא ממש געניאליטעטען, וואס וועלען ארויסרופען גרויס אויפזעהן אין דער צוקונפט. אלע פארווארפענסטע שטעלען פון תלמוד בבלי וירושלמי און פון די פוסקים, ווערען דורך זיי דורכגעלערנט און בעלויכטען.

איהר הערט אין ישיבה חידו"ת אויף סדר קדשים, סדר זרעים, סדר מועד און טהרות, אויסער אויף די שטענדיגע צוויי סדרים פון נזיקין און נשים, וואס זענען איינגעשטעלט אין ישיבה'שען סדר הלמוד.

אלץ וואס דער אידישער מוח האט געשאפען אין אלע מקצועות ההלכה במשך פון הונדערטער יאהרען — בעקומט דא צווישען די ישיבה-ווענט זיין אמת'ען תקון. איהר הערט חידו"ת אויף די רייד פון א רב האי גאון, רי"ף, רמב"ם—ביז צו די רייד פון די סאמע לעצטע גאוני התורה.

## למוד המוסר

מיר האבען פריהער דערמאנט דאס לויטן סדר הישיבה אין בעשטימט א האלבע שעה יעדער טאג צו לערנען מוסר.

דער הויפט-פונדאמענט פאר דעם למוד המוסר אין די ישיבות איז געלעגט געווארען דורך הגה"צ רבן של ישראל ר' ישראל סאלאנטער זצ"ל און איז שפעטער פארשפרייט געווארען דורך זיינע גרויסע תלמידים.

די מוסר-לעהרע באזירט הויפטזעכליך אויף די הויכע מאראליש-עטישע ווערטהען פון יודענטום. אזוי געמט די מוסר-לעהרע ארום: א) דעם עגא-איכיתדיגען זין פון מענשליכען לעבען און זיין אינהאלט אלס יוד, ב) דעם מאראליש-הויכען „בין אדם לחבירו" לויט דער תורה; ג) דאס נישט אונטערשעצען די ווערט פון יעדער מענשען, וועלכער איז א נברא בצלם אלקים; פון דער צווייטער זייט זוכט מוסר עומד צו זיין אויף דעם הינטערגרונד פון די מענשליכע כחות-הנפש בכדי צו אנאליזירען די הויפט מקור וואס רופט ארויס יעדען טהאט, הן א גוטען הן א שלעכטען, און אויספארשען זייער אפשטאמונג.

א) מענשען אין דער וועלט זענען פערהאַוועס א גאַנצען לעבען, זיי טהוען פאַר זיך און אלעמען, אבער דערביי פאַרגעסען זיי וועגען איין „קליינינקייט״—וועגן זיך אליין... זיי פאַרגעסן, אז אין דעם קורצען לעבען פון דעם מענש, מוז דער מענש זעהן לעבען מיט חשבון הנפש. דעריבער איז נויטיג פאַר׳ן מענש אן אלטעגליכע ערנסטע פערטראַכטונג איבער זיינע אלע מעשים. דאָס פאַדערט די מוסר-לעהרע.

ב) מענשען זוכען שטענדיג נור יענעמ׳ס חסרונות און ביי זיך אליין פיהלט מען זיך אין דער בעסטער אָרדנונג. אויף דעם קומט די חכמת המוסר און לערנט: ניין, מענש! דו דאַרפסט אדרבה זוכען ביי דעם צווייטען נור דאָס שעהנע און ערהאַבענע, און בעסער זעהן אויסוואָרצלען ביי זיך אליין די אייגענע שלעכטע מדות און געוואוינהייטען. דו האָסט א שלעכטע מדה פון כעס, פון שנאה צום צווייטען—מוזסט זעהן אָלערשטענס אויסבעסערען און מתקן זיין די אייגענע שלעכטע מדות.

ג) די „וועלט״ קוקט אויף דעם מענש מיט א פלאַכען אויג. דער מענש ווערט אפגעשאַצט מיט ערדישע באַגריפען. קיינמאָל זעהט די „וועלט״ נישט אין דעם מענשען מעהר ווי א חומריות׳דיגען און מאַטעריאַליסטישען בשר ודם. ממילא איז דאָס א גרויסע סיבה פון נידריגען און קליינליכען לעבענס-אַרט. אויף דעם קומט מוסר און הייסט קוקען אויף א מענש גאַנץ אנדערש. וואָרום דער מענש איז א חלק א-לקי ממעל — א יציר כפיו של הקב״ה. דער מענש איז דעריבער, אין זיין גאַנצען מהות, א רוחניות׳דיג ווזען, וועלכער קען גרייכען אין זיינע עליות-מדריגות ביז צו די הימלען. דאָס איז די מענשליכע פליכט און מיסיע צו געפינען זיך כסדר אין א עליי׳-צושטאַנד און דאָס איז זיין תכלית אויף דער וועלט. דערצו זענען נויטיג א סך יגיעות אין תורה, יראת שמים ותקון המדות.

ד) פאַרהאַן א מאָל ווען מענשען טהוען אפילו גוטע טהאַטען, אבער ביי זיי נעמט זיך עס פון א שלעכטער, נישט עטיש-ריינער כונה. לאָמיר נעבען א ביישפיל ווען איינער טהוט צדקה כדי ער זאָל קריגען א נאָמען און זיך גרויסען מיט דעם שפעטער פאַר לייטען. און דורכדעם האָבען א סך כבוד. אָט די פיגול׳דיגע מחשבה פיהרט איבער דעם עצם שיינעם טהאָט. דאָס פערדונקעלט איהר אינגאַנצען. מוסר הייסט נאָכזוכען דעם הינטערגרונד פון יעדער טהאַט, בכדי אויסצובעסערען די פעלערהאַפטע מחשבה, וועלכע געפינט זיך דערביי, דען אויב נישט, איז דעמאָלט די גאַנצע טהאָט, מעג זי זיין ווי איבערפלעכליך שעהן, אבער ווי באַלד זי טראָגט מיט זיך אַן׳אייגענוציגע כונה, איז די גאַנצע זאַך, אין העכערען זין פון וואָרט – צופוילט און ווערמלאָז.

דאָס זענען נור עטליכע שטריכען פון דער גרויסער אידעע, וועלכע בילדעט אויס דעם אדם השלם.

אין דער צייט פון למוד המוסר אין ישיבה, קומט צום אויסדרוק א ערנסטע פערטראַכטונג איבער די אלע עומדים ברומו של עולם-פראָבלעמען.

מוסר ווערט געלערנט פון די ספרים: חובת הלבבות, שערי תשובה, ספר היראה לרבנו יונה גירונדי, ספר הישר לרבנו תם, אורחות צדיקים, תומר דבורה, מסלת ישרים, א. א. ספרי יראים.

מוסר-שמועסן ווערן געהאַלטען אויף פערשידענע טעמעס דורכ׳ן משגיח הישיבה הרב הגאון ר׳ נפתלי לייבאָוויטש שליט״א. אונטער זיין הנהלה רוחנית און השפעה אין ישיבה ווערען אנגעפי׳רט בעזונדערע „ועדים״ אויף מוסר ויראת שמים.

אַמאָינטערעסאַנטסטען איז דער למוד המוסר מוצש״ק בין השמשות. אין דער דעמערונג פון אָוועקגייענדיגען שבת, דעמאָלט ווען שאָטענס פיהלען־אָן דעם ריזיגען ישיבה־בנין—דערפילסטו אַ מאָדנעם געשמאַק אין דעם מאָראַלישען מוסר-נגון, וועלכער צוגיסט זיך איבער דער ישיבה מיט אַזוי פיל נאַגעניש און בענקשאַפט און מ׳בלייבט הענגען אין דער לופטען... מ׳דערפילט עפּעס דעמאָלט אַ אונבעצייכענטע בענקשאַפט נאָך דעם אוועקגייענדען הייליגען שבת און נאָך אַלעס וואָס איז ערהאַבען און שעהן, אַזוי נאָהענט פון אונז און דאָך הימליש־הויך און פערהוילען...

נאָך דעם טראַדיציאָנעלען מוסר־שמועס מוצש״ק, ווערט געדאַוועט מעריב מיט עכט־וואַרימער און לויטערער רוממות-הנפש. אַזוי קומט צוריק די וואָכעדיגקייט פון ישיבת „כנסת בית יצחק", וועלכע בלייבט אָבער נאָך פול מיט גענוג שבת׳דיגקייט...

## ישיבה׳שע אינסטיטוציעס.

### דער מוסד: תומכי תורה („ת"ת")

אַ העכסט כאַראַקטעריסטישען קאַפּיטעל אין לעבען פון ישיבה שטעלען מיט זיך־פאָר די מוסדות הישיבה. דאָס זענען אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען איגערהאַלב דער ישיבה דורך די בני הישיבה אַליין און ווי ווערען אָנגעפיהרט זעלבסט־שטענדיג מיט פולער אויטאָנאָמיע דורך געקליבענע פאָרשטעהער מצד די תלמידים פון ישיבה. אַזוי אַרום בילדעט די ישיבה אין אַ מיניאַטור־מלוכה׳לע דאָס תורה־מלכות. וואו ס׳קומט צום אויסדרוק דאָס אמת־תורה׳דיגע יושר־לעבען.

דעם ערשטען און חשובסטען פּלאַץ, צווישען אַלע איבעריגע מוסדות הישיבה, פאַרנעמט די אינסטיטוציע, וועלכע הייסט: ת ו מ כ י  ת ו ר ה, אָדער לויט אַ פערקירצטען נאָמען „ת״ת".

„ת״ת"—איז אַ מין זעלבסט הילף־אינסטיטוציע פון דער גרעסטער בעדייטונג פאַר דער ישיבה. די אויפגאַבע פון „ת״ת" איז: צו ערטיילען הילף די סאַמע אָרימסטע און שוואַכסטע בני תורה, וועמענ׳ס רעגולערע תמיכה וואָס זיי בעקומען פון דער ישיבה קלעקט נישט אויף לחם צר ומים לחץ. דאָס זענען אַזעלכע תלמידים וואָס בעקומען נישט פון זייערע אָרימע היימען קיין שום אונטערשטיצונג און זענען אָנגעוויזען איינציג אויף דער הילף מצד די ישיבה־אָרגאַנען.

פריהער פלעגט פאַר דער פינאַנסיעלער באַזע פון „ת״ת" דיענען דער חודש־אָבצאָהל וואָס יעדער תלמיד פון ישיבה צאָהלט פאַר ת״ת" לויט זיין מעגליכקייט.

היינט־צוטאָג האָט זיך די לאַגע קאַרדינאַל געענדערט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פערברייטערונג פון די ישיבה־גרעניצען, האָבען די „ת״ת"־אויסגאַבען געשטיגען פיעלפאַ־כיג. און צוליעב דעם וואָס די גרויסע מערהייט פון די תלמידים זענען לעצטענס שרעקליך פאַראָרימט געוואָרען — זענען זייער פיל פון די בני הישיבה געצוואונגען, נעבען זייער הילען, זיך ווענדען נאָך הילף צום „ת״ת".

„ת״ת" ערטיילט חבריש די הילף דורך מתן בסתר, בכדי די נעמער זאָלען נישט מבויש ווערען,

צו ת״ת ווענדעט מען זיך אויך נאך מעדיציני׳שע הילף און נאך אונטערשטיצונגען אויף דער נויטיגסטער הלבשה.

אזוי ארום שטעהט פאר „ת״ת״ ריעזיגע אויפגאבען. די גבאים פון „ת״ת״ קומט-אויס זיך צו ראנגלען מיט געגוג שווערינקייטען ביים בעקומען לכהפ״ח דאס מינימאלסטע און סאמע נויטיגסטע. דאס, וואס „ת״ת״ בעקומט פון די הורס-אפצאהלונגען בלייבט אין גדר פון „אין הקומץ משביע את הארי״, מאכט טאקע „ת״ת״ לעצטענס א ביסעל אנשטרענגונגען צו פארגרעסערען און פארברייטערען זייער הילפס-טעטיגקייט דורך בעקומען אונטערשטיצונגען פון חברים און יחידים-סימפאטיקער פון לאנד אין אויסלאנד.

## עזרת-תורה („עז״ת״).

א בעדייטענדען ארט אין לעבען פון ישיבה שפיעלט די אינסטיטוציע וואס ווערט אנגערופען: „עזרת-תורה״. דאס איז די ישיבה׳שע ביבליאטעק, דער אוצר-הספרים, וואו די תלמידי הישיבה בעקומען די אלע הלכה-ספרים, פון די עלטסטע ביז די נייעסטע תורה-שאפונגען, וואס זענען נויטיג צום לערנען.

„כנסת בית יצחק״ פארמאגט טאקע א רייכע ביבליאטעק, וואס האלט נאך אויפן וועג פון ענטוויקלונג. ס׳איז נויטיג א ברייטע אקציע צו פערגרעסערען דעם אוצר הספרים, ווייל צוליב די פילע וואנדערונגען, וואס די ישיבה האט דורכגעמאכט, איז פערלארען געגאנגען דער ישיבה׳שער אוצר-הספרים פון פאר דער מלחמה און מען מוז אלעס אנהויבען פון דאס ניי, בראש פון עז״ת שטעהן א פאר געוועהלטע גבאים.

## גמילות-חסדים קאסע („ג״מ״ח״).

אויב „ת״ת״ איז א אינסטיטוציע נור פאר די ארימסטע, פארמאגט די ישיבה אויך יענע אינסטיטוציע, אויף וועלכע די חז״ל דריקען זיך אויס: גדולה גמילות חסדים שהיא בין לעניים בין לעשירים.

די ישיבה פארמאגט זיך איהר גמ״ח-קאסע, וואו א ישיבה-מאן זאל קענען קריגען א נויטיגען גמילות-חסד.

פערשטעהט זיך דאס דער הלואה-סכום איז נאר א מינימאלער. ווייל דער גרונד-קאפיטאל פון דער קאסע איז א גאנץ קליינער. דאך, אין די ראהמען פון די מעגליכ-קייטען, איז עס א זעהר נוצליכע אינסטיטוציע.

## משמרת-חולים („מ״ח״)

די ישיבה פארמאגט אויך א אינסטיטוציע, וועלכע האט פאר זיך די שעהנע אויפגעבע זיך פארנעמען מיט די קראנקע חברים בני הישיבה. אין ישיבה ווערט זי גערו-פען לויטן פארקירצטען נאמען „מ״ח״ („משמרת חולים״) מ״ח האט א ביסעל כלים און

מעריקאמענטען פון א אפטייק-סקלאד, בכדי די ישיבה-לייט זאלען פארשפארען ביי יעדער קליינינקייט זיך ווענדען נאך סאניטארע הילף פון דאנען און דארטען. אווי איז אויך טעטיג ביי „מ"ח" א ועד „בקור חולים", וועמענס אויפגאבע עס איז צו בע-וואכען איבער די קראנקע חברים.

## ועד המעונות.

די פליכט פון דעם ועד איז: העלפען איינקווארטירען און איינארדנען אין פאסיגע דירות אלע נייע אנגעקומענע תלמידים. זיי בעשטימען פאר יעדען תלמיד זיין צוגעפאסטע דירה. דער „ועד המעונות" האט אויך די פליכט צו דערהאלטען דעם איינהייטליכען פרייז פון די „סטאנציעס" און נישט דערלאזען צו קיין אויפשרויפונגען, וועלכע קענען ענטשטעהן צוליב דעם גרויסען דוחק אין וואהנונגען.

## ועד המשטר.

בכדי צו אפהיטען דער סדר אויף ריינקייט און ארדענונג אינערהאלב דעם בנין הישיבה און הויף—איז טעטיג א ועד המשטר, וועס לענקט זיין אויפמערקזאמקיים. אז קיינער זאל נישט איבערשרייטען די פארפליכטענדע תקנות וועגען ריינקייט און ארדנונג.

## ועד הבקורת.

די גבאים פון אלע אינסטיטוציעס ווערען געוועהלט אויף א קאדענץ פון איין יאהר. חנוכה איז די צייט ווען ס'גייען אוועק די אלטע גבאים און זייער ארט פארנעמען די נייע גבאים.

במשך פון יאהר ווערט די טעטיגקייט פון אלע גבאים רעווידירט דורכן ישיבה'שען רעוויזיאנס-פארבאנד, דער אזוי גערופענער: ועד-הבקורת". די אויפגאבען פון „ועד-הבקורת" זענען צו קאנטראלירען, צי אלץ פיהרט זיך לויטן פארפליכטענדען רעגו-לאמין און אין דער געהעריגער פינקטליכקייט.

## מכינה.

ביי דער גרויסער וועלט-ישיבה „כנסת בית יצחק" עקזיסטירט אויך א מ כ י נ ה, וועלכע צעהלט איבער פופציג יונגע בחורימלעך. נאכ'ן ענדיגען דער מכינה ווערן די תלמידים אנגענומען אין דער גרויסער ישיבה. אין דער מכינה ווערט געלערנט גמ"ת, לויט א ברייטען לעהר-פראגראם.

די מ כ י נ ה רעקרוטירט זיך פון ארטיגע קינדער, פון אומגעגענד און פון

גאנץ פוילען, די מכינה געפינט זיך אויף א זעהר הויכען גייסטיגען ניווא און ענטוויקעלט זיך זעהר שעהן. א דאנק דעם וואס אין איהר שפיעלט ווייטער גוטע ראשי ישיבות זאגט זי צו זעהר פיל אין דער צוקונפט און מאכט גרויסע פארטשרים. אויסער דעם עקזיסטירט א ישיבה קטנה, וועלכע צעהלט 50 קינדער. דאס אלעס צוזאמען בילדעט די גרויסע מלכות פון תורה וואס עס שטעלט מיט זיך פאר די ישיבה „כנסת בית יצחק״.

## כולל האברכים.

לעצטענס האט זיך געעפענט א כולל ביי דער ישיבה מיטן ציל צו געבען די בעסטע אויסגעצייכענטסטע יונגעלייט, געוועזענע תלמידים פון דער ישיבה, די מעגליכקייט צו בעקומען א גרויסע מאס השתלמות אין אלע מקצועות התורה, צו ווערען גאונים און די פאסיגע מנהיגי האומה.

## עס דרוקט זיך א ספר פון מרן שליט״א.

ס׳האט זיך שוין אנגעפאנגען דרוקען א ספר חידו״ת פון מרן הגאון הר״מ שליט״א. דער ספר ענטהאלט די שעורים, וועלכע זענען די לעצטע צייט געזאגט געווארען אין דער ישיבה לויט די מסכתות. עס געפינט זיך אין דעם ספר אויך פיל חידו״ת, וואס מרן הר״מ שליט״א האט געהערט פון זיין רבי׳ן הגאון רשכבה״ג מרן ר׳ חיים זצ״ל מבריסק, וועלכע זענען נאך נישט בעוואוסט.

# תקנות החברים והעסקנים.

א) דער וואס איז מנדב 50 דאלאר מיט אמאל אדער דער וואס צאהלט 10 דאלאר יעהרליך און ער האט שוין געצאהלט 5 יאהר דורכאנאנד, וועט ווערען פערשריבען אין פנקס הישיבה צום אייביגען אנדענקען אלס מעמבער (חבר) פון דער ישיבה. אין די בעשטימטע צייטען וועט ער ווערען געבענשט בברכת מי שברך, נאך זיין אריכת ימים וועט געזאגט ווערען קדיש אין טאג פון יארצייט אין א צייט פון 5 יאהר.

ב) דער וואס איז מנדב 100 דאלאר מיט אמאל אדער דער וואס צאהלט 20 דאלאר יעהרליך און ער האט שוין געצאהלט 5 יאהר דורכאנאנד, וועט ווערען פערשריבען אין פנקס הישיבה צום אייביגען אנדענקען אלס מעמבער (חבר) פון דער ישיבה. אין די בעשטימטע צייטען וועט ער ווערען געבענשט בברכת מי שברך, נאך אריכת ימיו וועט געזאגט ווערען קדיש דאס ערשטע יאהר און עס וועט געהיטען ווערען דער יאהרצייט אין א צייט פון 5 יאהר.

ג) דער וואס איז מנדב 200 דאלאר מיט א מאל אדער דער וואס צאהלט 40 דאלאר יעהרליך און ער האט שוין געצאהלט 5 יאהר דורכאנאנד. וועט ווערען פערשריבען אין פנקס הישיבה צום אייביגען אנדענקען אלס מעמבער (חבר) פון דער ישיבה אין די בעשטימטע צייטען וועט ער ווערען געבענשט בברכת מי שברך, נאך אריכת ימיו וועט געזאגט ווערען קדיש דאס ערשטע יאהר, עס וועט געלערנט ווערען משניות ביום היארצייט און דער יאהרצייט וועט געהיטען ווערען 10 יאהר.

ד) דער וואס האלט אויס שטענדיג א תלמיד-חכם אין אונזער הייליגע ישיבה מיט דער סומע פון 144 דאלאר יעהרליך, און ער האט איהם שוין אויסגעהאלטען 5 יאהר, דאן, אויסער די זכותים פון דער תקנה ג, וועט מען נאך זיין אריכת ימים לערנען משניות אין אונזער הייליגע ישיבה דאס ערשטע יאהר און דער יאהרצייט וועט נעהיט ווערען אייביג, זיין נאמען וועט ווערען פערשריבן אויף דעם ספעציעלען טאוועל פון מארמער, וועלכער הענגט אויפן וואנד אין אונזער הייליגע ישיבה.

ה) יעדער מאן אדער פרוי וועלכע וועלען שפענדען א חשובע סומע אלס צייטווייליגע שטיצע אדער וועלען לאזען א צוואה פאר דער ישיבה נאך אריכת ימיהם ושנותיהם, איז די ישיבה פערפליכטעט מקיים צו זיין לויט זייער צוואה אדער לויט זייער ווילען, וועלכען זיי וועלען אויסדריקען אין זייער בריף צו דער ישיבה. זייערע נעמען וועלען ווערען פערשריבען אויף דעם מארמעט-טאוועל, וועלכער הענגט אויפן וואנד אין אונזער הייליגע ישיבה.

ו) עסקנים און שטענדיגע גבאים וועלען בעקומען זכותים לויט זייער טרייען פאר אונזער הייליגע ישיבה.

ז) אויב ח"ו ס'איז פאראן א חולה אין דעם הויז פון דעם חבר (מעמבער), וועט די גאנצע ישיבה מתפלל זיין פאר איהם גלייך ביים ערהאלטען די נאכריכט.

ח) יעדער מעמבער (חבר) דארף זיך בעמיהען צו ערווערבען נאך חברים (מעמבערס) און דערמיט נעהערען צו די מזכי הרבים.

ט) יעדער חבר (מעמבער) דארף אימער אין זינען האָבען אונזער הייליגע ישיבה און זאַמלען נדבות ביי פערשידענע שמחות ביי פאַמיליע און בעקאַנטע, ווי ברית, בר-מצוה, תנאים, חתונה א. א. וו.

י) דער וואָס האָט דעם זכות פון תקנה ה׳ און ער פערלאַנגט אז מען זאָל אין אונזער הייליגע ישיבה היטען דעם יאָהרצייט פאַר זיינע קרובים, וועט אונזער הייליגע ישיבה היטען דעם יאָרצייט פאר זיינע קרובים נאָר פאַר דעם לעבען פון דעם מנדב.

יא) אַלע אויבענדערמאָנטע תקנות וועלען ווערען אויסגעפירט נאָר ווען דער מנדב וועט אונז מעלדען זיין פערלאנג אָבצוהיטען די דערמאָנטע תקנות נאָך זיין אריכת ימים.

יב) אויב די ישיבה וועט אויסנעמען מיט׳ן מנדב בפירוש׳ע תנאים, וועט די ישיבה מקיים זיין אַלעס לויט די תנאים.

Grand Rabbinical College „Kneseth Beth Isaac" :אדרעס
Kamenitz-Litovsk, Poland.

# רשימת התלמידים

| מספר סודרי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (1 | אלי׳ | סאווינסקי | בערעזע | פוילען |
| (2 | אלי׳ מרדכי | גווירץ | וואלצין | ״ |
| (3 | אליעזר | קור | האראדאק | ״ |
| (4 | אייזיק | גוראלניק | זאסטאוויע | ״ |
| (5 | אברהם משה | קאהן | לאדז | ״ |
| (6 | אלתר | פעקער | קלעצק | ״ |
| (7 | אברהם | קרופניק | ראקיטנא | ״ |
| (8 | אלי׳ | סווירסקי | אנטווערפען | בעלגיע |
| (9 | אלתר | גאלדבערג | אנטאפאל | פוילען |
| (10 | אליעזר | גוטמאן | ארלא | ״ |
| (11 | אברהם | ברוידא | טראב | ״ |
| (12 | אפרים | גלענבאצקי | אסטרין | ״ |
| (13 | אברהם בהרה״ר יהודה לייב | דוואשעץ | ניו־יארק | אמעריקא |
| (14 | ארי׳ ליב | גראסנאס | לייפציג | דייטשלאנד |
| (15 | אלחנן | נאמיאט | לובטש | פוילען |
| (16 | אברהם | רייזן | ווילנא | ״ |
| (17 | אברהם | מאכלעס | נאליבאק | ״ |
| (18 | אפרים | וויעושבא | ווארשע | ״ |
| (19 | אברהם | קאמיעניעצקי | ביאליסטאק | ״ |
| (20 | ארי׳ ליב | ראטשטיין | בערלין | דייטשלאנד |
| (21 | אייזיק | זלאטעס | קאמעניץ | פוילען |
| (22 | אברהם | גירשאוויטש | וואשילישאק | ״ |
| (23 | אשר | בערמאן | האראדאק | ״ |
| (24 | אייזיק | פייגעלשטיין | דאמבראוויץ | ״ |
| (25 | אלי׳ | טשערניאק | מאלטש | ״ |
| (26 | אברהם יצחק | יאקובסאן | ברעסלוי | דייטשלאנד |
| (27 | אברהם | סטופיטשעווסקי | סוויסלאטש | פוילען |
| (28 | אלחנן | הערצמאן | דובינקא | ״ |
| (29 | אלחנן | לעווענבערג | יאנאווע | ״ |
| (30 | אברהם כהרב ר׳ ארי׳ לייב | דאלינסקי | מאלאדעטשנא | ״ |
| (31 | אשר | פויכטוואנגער | האמבורג | דייטשלאנד |
| (32 | אשר | כ״ץ | פולדא | ״ |
| (33 | אברהם יהודה | בעזבראדע | קאפענהאגען | דענעמארק |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (34 | אלי׳ בהרב ר׳ חזקי׳ יוסף | מישקאָווסקי | קריניק | פוילען |
| (35 | אנשל | וויינהויז | לעבעדאָווע | ״ |
| (36 | אהרן | לעווין | קאמעניץ | ״ |
| (37 | אהרן | גוטמאן | ארלא | ״ |
| (38 | אלי׳ בהרב ר׳ יעקב | קאפלאן | אָטוואָצק | ״ |
| (39 | אברהם יצחק | גלאזמאן | טערעספאל | ״ |
| (40 | אברהם | שובער | פאטשאיעוו | ״ |
| (41 | אברהם | פינקוס | ניו-יאָרק | אמעריקא |
| (42 | אברהם דוב בהרב ר׳ בצלאל | מאייל | כאָרד | פוילען |
| (43 | אלי׳ שלמה בהרב ר׳ ארי׳ ליב | גאוויע | באראנאָוויטש | ״ |
| (44 | אברהם | ערליך | מעזעריטש | ״ |
| (45 | אברהם | קרעלענבוים | ביאלע | ״ |
| (46 | אברהם | קאנאריק | לייפציג | דייטשלאנד |
| (47 | אהרן | לאנדא | חעלם | פוילען |
| (48 | אייזיק דוב | פיינסאד | וואָלקאָוויסק | ״ |
| (49 | אהרן דוד בהרב ר׳ מרדכי דוב | איידלבערג | פלאָצק | ״ |
| (50 | אליעזר | שאפראן | דובעטשנא | ״ |
| (51 | אהרן יונה | גרינגראָז | ראדזיווילאוו | ״ |
| (52 | אברהם דוד | רובינשטיין | דראהיטשין ענ״ב | ״ |
| (53 | אליעזר | קראוועץ | בריסק ענ״ב | ״ |
| (54 | בנימין משה בהרב ר׳ יוסף דוד | שו״ב | דראהיטשין | ״ |
| (55 | ברוך בהרב ר׳ זלמן | סאראטשקין | לוצק | ״ |
| (56 | בנציון | בירנבוים | קאסאוו | ״ |
| (57 | בנימין | בערנשטיין | ניו־יאָרק | אמעריקא |
| (58 | ברוך | גאלאוועקי | ארלא | פוילען |
| (59 | בצלאל | פאנעבעריע | בריסק | ״ |
| (60 | ברוך | רוזשאנסקי | רודקי | ״ |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (61 | בנימין | פאטאצקי | ביאַליסטאָק | פוילען |
| (62 | נדלי׳ | אייזמאַן | ווארשא | „ |
| (63 | גבריאל | סאמאטנע | פאַרטשעוו | „ |
| (64 | דוד | רודניצקי | קאמעניץ | „ |
| (65 | דוב | ליבערמאַן | טיקטין | „ |
| (66 | דוד | עפשטיין | איוויע | „ |
| (67 | דוד | לעווין | קאמעניץ | „ |
| (68 | דוב | וויינשטיין | קאָברין | „ |
| (69 | דוב | מאסלאוואטי | נאָווארדאָק | „ |
| (70 | דוב | קלאר | דיסנע | „ |
| (71 | דוד | דעמבינסקי | ווארשא | „ |
| (72 | דוד שלמה | בלומענקראנץ | קאָברין | „ |
| (73 | דוד בהרב ר״י | סעגאַל | ווילנא | „ |
| (74 | דוד בהרב ר׳ יעקב אהרן | רעגענסבורג | זעמבראָוו | „ |
| (75 | דוב | עלקענבוים | פארטשעוו | „ |
| (76 | דוד שלמה בן האדמו״ר ר״ז | ראַבינאָוויטש | קאמען קאשירסק | „ |
| (77 | דוד | בערגער | יוזעפאָוו | „ |
| (78 | דוד | אָבערדאָרף | בערלין | דייטשלאַנד |
| (79 | דוב | ווייסבארד | לאָמזע | פוילען |
| (80 | דוד בן הרב | אייון | באראנאָוויטש | „ |
| (81 | דוב | מורנו | וואַרשא | „ |
| (82 | דוב | מאָרגענשטערן | רוושאן | „ |
| (83 | זאב | קוסטין | קאָלאָניע | „ |
| (84 | זאב | ווילענסקי | | |
| (85 | זלמן בהרב ר׳ אלי׳ | גארבער | האראדאק | „ |
| (86 | זאב | שאַיעס | פאטשאיעוו | „ |
| (87 | זיידל | לעשצינסקי | מיר | „ |
| (88 | זעליג | סוראסקי | ניו־היוון | אַמעריקא |
| (89 | זאב | פערקאָווסקי | מאַלאריטע | פוילען |
| (90 | זאב | לייזערזאָן | ביאלא | „ |

# רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| 91) | זעליג בהרב ר׳ נתנאל | קאלאריצקי | קאמעניץ | פוילען |
| 92) | זאב | דורצין | רובלע | „ |
| 93) | זלמן דוד | גאלדמאן | לאשיץ | „ |
| 94) | זאב | מעלטשערסקי | קאלנא | „ |
| 95) | חנוך | פאל | מעזעריטש | „ |
| 96) | חיים שמואל | גראספעלד | זשארנאווצע | „ |
| 97) | חיים | יורקאנסקי | מינסק | רוסיא |
| 98) | חיים | וועלמאוויצקי | בריסק | פוילען |
| 99) | חיים | סאשיצקי | קאברין | „ |
| 100) | חיים | צפת-מאן | דאווידגרודאק | „ |
| 101) | חיים ישראל | קוויאט | דאמאטשעווא | „ |
| 102) | חיים שאול בהרב ר׳ מאיר | קארעליץ | לעכעוויטש | „ |
| 103) | חיים שלמה | עקשטיין | ביאליסטאק | „ |
| 104) | חיים | גרונט | קאמעניץ | „ |
| 105) | חיים דוב בהרב ר׳ משה ראובן | גולעווסקי | בריסק | „ |
| 106) | חיים יוסף | קלעמענטאָווסקי | אָרלא | „ |
| 107) | חיים אהרן | וויטקינד | אָמדור | „ |
| 108) | חיים בהרב ר׳ מרדכי | שטיינבערג | טשעכאנאָוויטש | „ |
| 109) | חיים | מאלין | טשערניאווציץ | „ |
| 110) | חיים | יודזיק | ראדונילאוו | „ |
| 111) | חנוך | רוסאק | סטויבץ | „ |
| 112) | חלאוונא | עסטראוו | מיאר | „ |
| 113) | טובי׳ | גאָלדשטיין | וולאדאווע | „ |
| 114) | יהודה | לייזעראוו | סארנע | „ |
| 115) | יעקב | נרונט | קאמעניץ | „ |
| 116) | יחזקאל | חאמסקי | קאברין | „ |
| 117) | יוסף | קראוויעץ | רודקי | „ |
| 118) | יוסף | ראָזענבערג | לאדז | „ |

# רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (119 | יצחק בהרב ר' | | | |
| | משה אידל | פינצוק | חאמסק | פוילען |
| (120 | יואל | גראבאָוויעצקי | סיניאווקי | „ |
| (121 | ישראל בהרב | | | „ |
| | ר' אלי' | גאַרבער | האראדאק | „ |
| (122 | יוסף | ליס | קלעצק | „ |
| (123 | יעקב | קאטלער | סימיאטיץ | „ |
| (124 | יוסף | אָװשעיעוױטש | טראָב | „ |
| (125 | יהודה ליב | גאָרדאָן | ניו-יאָרק | אמעריקא |
| (126 | יוסף | קאַפּלאַן | „ „ | „ |
| (127 | יוסף | צירקין | | „ |
| (128 | ירחמיאל בהרב | | | |
| | ר' משה | מגיד | נאָװאָרדאָק | פוילען |
| (129 | ישראל | קאָלאָדני | דראָהיצין | „ |
| (130 | יהושע יצחק | פּילסקי | נאווארדאק | „ |
| (131 | יוסף | אָפּענהיימער | פראנקפורט | דייטשלאַנד |
| (132 | ירחמיאל | | | |
| | ישראל יצחק | מײלאך | רוושאן | פוילען |
| (133 | יוסף | דאָלינסקי | קאַמעניץ | „ |
| (134 | יעקב | רודניצקי | „ | „ |
| (135 | יעקב | אייזנבערג | מערליבאזיץ | „ |
| (136 | יצחק | טייטלבוים | בריסק | „ |
| (137 | יוסף | עפשטיין | מילאנא | איטאליע |
| (138 | יוסף דוב | קראוויעצקי | בריסק | פוילען |
| (139 | ישראל | מרגליות | ניעמענטשין | „ |
| (140 | יעקב | פעסטער | אנטאפאל | „ |
| (141 | יהודה | פרייער | קאמעניץ | „ |
| (142 | יצחק | ראדזינסקי | סימיאטיץ | „ |
| (143 | יהושע | גראדזעצקי | מילאסנע | „ |
| (144 | יצחק בהרב | | | |
| | ר' אברהם | גאָלדזייגער | קאבילניק | „ |
| (145 | יוסף | בארנאמאוו | יאד | „ |
| (146 | יעקב | פיינבערג | קלעצק | „ |
| (147 | יצחק בהרב ר' | | | |
| | בנימין זאב | יאַקובסאָן | קאָפּענהאַגען | דענעמארק |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (148 | ישראל | בארנשטיין | קאפענהאגען | דענעמארק |
| (149 | ישראל | קאנאריק | לייפציג | דייטשלאנד |
| (150 | יחיאל בהרב ר׳ משה | וואלפסאן | אנטאפאל | פוילען |
| (151 | יהודה | ראפפארט | גאסטאוויע | ״ |
| (152 | יוסף | קאנאריק | לייפציג | דייטשלאנד |
| (153 | יצחק אליעזר | סימחאוויטש | בערלין | ״ |
| (154 | יהודה | יאלאווסקי | טורעק | פוילען |
| (155 | ירוחם פישל | צוקערמאן | מעזעריטש | ״ |
| (156 | ישכר דוב | זילבער | בודאפעשט | אונגארן |
| (157 | יואל בהרב ר׳ אלי׳ | ווישליוק | וולאראווע | פוילען |
| (158 | יצחק | קאפיטא | אלקעניק | ״ |
| (159 | יעקב | גריזדא | זאגוראוו | ״ |
| (160 | יעקב | גאלדשטיין | באדקי | ״ |
| (161 | יוסף | סמאלקין | דוקשט | ״ |
| (162 | יוסף | פאביאן | בערלין | דייטשלאנד |
| (163 | ישעי׳ | גומלייזער | ווארשא—פראגא | פוילען |
| (164 | יצחק | גראסבוים | בריסק ענ״ב | ״ |
| (165 | ישראל ארי׳ בהרב ר׳ סענדער | וויגאדסקי | בערעזע | ״ |
| (166 | יעקב בהרב ר׳ יוסף | שוב | מילנא | ״ |
| (167 | יעקב | בראבסקי | אנטווערפן | בעלגיע |
| (168 | יצחק מאיר | גאלדבערג | וואהין | פוילען |
| (169 | יחזקאל חנוך | גאווארטין | לעווענהאף | לעטלאנד |
| (170 | יצחק אייזיק | בעק | לייפציג | דייטשלאנד |
| (171 | יוסף דוב | קאגאן | טאמאשובקע | פוילען |
| (172 | יצחק חיים בהרב ר׳ ברוך זאב | פייגל | טראכענבראד | ״ |
| (173 | יונה | איזאק | לייפציג | דייטשלאנד |
| (174 | יוסף | בערנהאלץ | קארצעוו | פוילען |
| (175 | ליפמאן | סטערניעצקי | קאמעניץ | ״ |
| (176 | לייב | הורוויץ | ״ | ״ |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (177 | ליפמאן | זופ | קאמעניץ | פוילען |
| (178 | ליב גרשון | קושעלעוויטש | קאסאוו | " |
| (179 | לייב בהרב | | | " |
| | ר' אלחנן | וואסערמאן | באראנאוויטש | " |
| (180 | לייבוש | בילעצקי | ואסטאוויע | " |
| (181 | לייב | הארן | לייפציג | דייטשלאנד |
| (182 | לייב | וואלנאוויטש | סאקאלאוו | פוילען |
| (183 | מאיר בהרב ר' | | | |
| | איסר יהודה | מאלין | בריסק | " |
| (184 | מאיר | פרידמאן | פאסטאוו | " |
| (185 | מאיר בהרב ר' | | | |
| | אליעזר | אורעצקי | פאטשאיעוו | " |
| (186 | מרקל | גרינהויז | לעבעדאווע | " |
| (187 | מאיר | פאנטאל | קאברין | " |
| (188 | מאיר בהרב ר' | | | |
| | אלי' קלמן | ליסט | | |
| (189 | משה | נאדעל | אנטאפאל | " |
| (190 | מרדכי | רימלאנד | קאמעניץ | " |
| (191 | מענדל | גראסמאן | פראנקפורט | " |
| (192 | מתתי' | גורמאן | מעזריטש | " |
| (193 | מרדכי יהודה | | | |
| | בהר"ר יעקב הלל | וויינבערג | באראנאוויטש | " |
| (194 | משה אהרן | שולמאן | פאהאסט | " |
| (195 | משה | פרידמאן | ניו-הייוון | " |
| (196 | מרדכי | סעגאלאוויטש | אסטרין | " |
| (197 | משה | מלמד | ארלא | " |
| (198 | משה יוסף | באבראווסקי | קאמעניץ | " |
| (199 | מרדכי | רובינשטיין | ביאלא | " |
| (200 | משה | שימאנאוויטש | טורעץ | " |
| (211 | מנשה בהרב ר' | | | |
| | מיכאל שלו' | ווינקלער | קאפענהאגען | דענעמארק |
| (212 | משה | פיטערמאן | קאוועל | פוילען |
| (213 | משה אהרן | לעווי | ניו-יארק | אמעריקא |
| (214 | מיכאל | טראפער | " " | " |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (215 | מרדכי | צאנק | לובלין | פוילען |
| (216 | מנחם אשר | פינקעלשטיין | פילסק | „ |
| (217 | משה פנחס בן האדמו"ר הרב ר' יצחק אהרן | וויינגארטען | לובעשעוו | „ |
| (218 | מאיר | וואלד |ווארשא | „ |
| (219 | משה | שוואב | פראנקפורט | דייטשלאנד |
| (220 | מאיר | מודריק | דאמבראָוויץ | פוילען |
| (221 | מרדכי שרגא | ראָזענבערג | קאָצק | „ |
| (222 | מרדכי | שרייער | בריסק | „ |
| (223 | משה | כ"ץ | ראדימנא | „ |
| (224 | מאיר | בייגלמאן | דאָמבראָוויץ | „ |
| (225 | מרדכי אליעזר | מאנדלבוים | וואַרשא | „ |
| (226 | משה | גאָלדשטיין | קראָסניבראד | „ |
| (227 | מרדכי | עבראם | קאָברין | „ |
| (228 | נחום | גאָלדשטיין | וולאדאָוועע | „ |
| (229 | נפתלי | גאָלדשער | דעמיראָוועקע | „ |
| (230 | נח בהרב ר' בנימין | שימאנאָוויטש | מינסק | רוסיא |
| (231 | נח | פעלדמאן | פינסק | פוילען |
| (232 | נחום | גאָלדבערג | גראיעווע | „ |
| (233 | נחמי' בהרב ר' איסר יהודה | מאלין | בריסק | „ |
| (234 | נחום | סטופאטשעווסקי | קאמעניץ | „ |
| (235 | נח | הייקאָווסקי | וואשילישאק | „ |
| (236 | נחום בהרב ר' ארי' צבי | פערצאָוויטש | טראק | „ |
| (237 | נחום | לעסמאן | לאָדז | „ |
| (238 | נחמן | טשאפניקיעוויטש | אָסטראָלענקא | „ |
| (239 | נחום בהרב ר' ישראל | לייבאָוויטש | ווילנא | „ |
| (240 | נטע בהרב ר' בנימין | מארקוס | וואָנסעס | „ |
| (241 | נחום אבא | גראָסבארד | גראָדנא | „ |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (242 | עזרא | מושינסקי | אווגוסטאוו | פוילען |
| (243 | עזרא | אלכא | ביאַליסטאק | " |
| (244 | פרץ | פערלמאן | שווערזנא | " |
| (245 | פנחס | צייטלין | פינסק | " |
| (246 | פסח | לעדערמאן | יאנאַוו | " |
| (247 | צ י בהרב ר' זאב | מילנער | סערניק | " |
| (248 | צבי | שאצקי | | " |
| (249 | צבי | מענדעלעוויטש | באראנאַוויטש | " |
| (250 | צבי | ערליך | אנטאפאל | " |
| (251 | צבי | טענענבוים | קאַברין | " |
| (252 | צבי בהרב ר' יוחנן | מירסקי | זאבלודאַוו | " |
| (253 | צבי שרגא | גראסבארד | גראַדנא | " |
| (254 | צבי | זעמעל | קאַוועל | " |
| (255 | צבי | לאבין | מונקאטש | טשעכיען |
| (256 | צבי | פעלדהענדלער | קארעי | פוילען |
| (257 | צבי בהרב ר' שמואל | מארקאוויטש | טורעץ | " |
| (258 | קלמן | ליכטענשטיין | ביאליסטאַק | " |
| (259 | קלמן יהודה | ליגדער | גראיעווע | " |
| (260 | ראובן יוסף בהרב ר' אברהם יצחק | גערשענאַוויטש | זשאבינקא | " |
| (261 | ראובן | גומניץ | ווישניאווא | " |
| (262 | ראובן | קדיש | קרינגיק | " |
| (263 | רפאל | בעליצקי | סעמיאטיץ | " |
| (264 | שלמה | גלאצער | מאלטש | פוילען |
| (265 | שאול בהרב ר' פנחס | אייזענשטאט | ביאליסטאַק | " |
| (266 | שמואל | קאַטלאַוויטש | ברײנסק | " |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (267 | שמחה | שולמאן | טיקטין | פוילען |
| (268 | שמואל מאיר | סיוונבערג | וויסאקי | „ |
| (269 | שמחה | ליפשיץ | מעזעריטש | „ |
| (270 | שמואל | ווארשע | אנטאפאל | „ |
| (271 | שמואל | ליבערמאן | בערלין | דייטשלאנד |
| (272 | שרגא משה בהרב ר' אברהם | קאלמאנאוויטש | טיקטין | פוילען |
| (273 | שלום בהרב ר' ישראל | לייבאוויטש | ווילנא | „ |
| (274 | שלמה | רובינשטיין | ווענגראוו | „ |
| (275 | שלמה חיים | לעווימע | בריסק | „ |
| (276 | שלמה | ארלאנסקי | זאסטאוויע | „ |
| (277 | שלמה | קליין | ווארשא | „ |
| (278 | שמואל אליי | ארלאנסקי | זאסטאוויע | „ |
| (279 | שמיאל | קאוויאר | לאמזא | „ |
| (280 | שכנא | גוטפריינד | אלטונא | דייטשלאנד |
| (281 | שמואל | שווארצבערג | זאמאשטש | פוילען |
| (282 | שמשון בהרב ר' ראובן | גראזאווסקי | קאמעניץ | „ |
| (283 | שלו' | מערק | ראדין | „ |
| (2א4 | שלמה | זאנענבערג | בריסק | „ |
| (285 | שמואל | וואליניעץ | מאטעלע | „ |
| (286 | שמשון | היימאן | קאפענהאגען | דענעמארק |
| (287 | שמואל | בלאך | לאנדאן | ענגלאנד |
| (288 | שמואל | טעלווינסקי | סימיאטיץ | פוילען |
| (289 | שאול | בוימאן | פארצעוו | „ |
| (290 | שמואל | גאסליב | באראנאוויטש | „ |
| (291 | שמואל | סאראקע | קאלאניע | „ |
| (292 | שמעון | גראסנאס | לייפציג | דייטשלאנד |
| (293 | שמעון | טייטלבוים | לובלין | פוילען |
| (294 | שמואל | גראסבארד | גראדנא | „ |
| (295 | שלו' יהודה בהרב ר' יוסף | שוב | ווילנא | „ |
| (296 | שמואל מרדכי בהרב ר' יהושע | ואריצקי | בלודען | „ |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (297 | שניאור זלמן | בערמאַן | ראַצק | פוילען |
| (298 | שמואל | אַרנשטיין | כעלם | " |
| (299 | שמעון חיים | שטערנזוהר | זשעליכאָוו | " |
| (300 | שמחה | הויכגעלערנטער | לובלין | " |
| (301 | שמחה בונם | שעהר | וואַרשא | " |
| (302 | שלמה | ווייסמאַן | ברוקלין | אַמעריקא |
| (303 | שמואל | סענענבוים | גראַיעווע | פוילען |
| (304 | שלמה | קאַנער | ראַדאָם | " |
| (305 | אברהם ברוך | | | " |
| | בהרב יעקב משה | זיסמאַן | אשעצק | " |
| (306 | יחזקאל | סענדער | קאַליש | " |

## רשימת תלמידי המכינה

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (307 | אריי׳ ליב | ווארזעצאנא | מעזעריטש | פוילען |
| (308 | אברהם דוד | בוכהאָלטער | מאָלטש | " |
| (309 | אשר לעמל | גורנע | קאמעניץ | " |
| (310 | אלכסנדר | מיכאַלינסקי | בערעזע | " |
| (311 | אברהם אהרן | העצטמאַן | מעזעריטש | " |
| (312 | אברהם | סודעלניק | ווייסאָקי | " |
| (313 | בנימין | גריץ | וואַרשא | " |
| (314 | בנימין | יאגעלוועל | פלעשישץ | " |
| (315 | ברוך ליב | זעלצער | חאַלצין | " |
| (316 | ריב | סוכאָוואָלסקי | וואַרשא | " |
| (317 | דוד שלמה | פיינלאַנד | מאָרד | " |
| (318 | זאב | ערליך | אנטאפאל | " |
| (319 | חיים | טשאַפניק | פארטשעוו | " |
| (320 | חיים | וויינגאַרטען | טשערניאָוויץ | " |
| (321 | חיים משה | ראָזענבלום | אָטוואָצק | " |
| (322 | חיים | מאיל | מארד | " |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (323 | חיים | קארענבלום | סלאוויטיץ | פוילען |
| (324 | | | | |
| (325 | יוסף | ראָג | ראטנע | „ |
| (326 | יצחק | בערסמאַן | אָרלא | „ |
| (327 | יעקב | גארבער | סימיאטיץ | „ |
| (328 | יוסף | האָבערשטערן | מעזעריטש | „ |
| (329 | יוסף | דינערמאַן | בערעזע | „ |
| (330 | יעקב | ראָדזינסקי | סימיאטיץ | „ |
| (331 | יעקב | שטראשעווסקי | אָרלאָ | „ |
| (332 | יעקב | שטיינבערג | קוזין | „ |
| (333 | יעקב פנחס | גוראָלניק | זאסטאוויע | „ |
| (334 | יצחק | פיזיק | וואַרשא | „ |
| (335 | יוסף | בראָנשטיין | טערעספאָלע | „ |
| (336 | יצחק | לוסטיג | קאמען-קאשירסק | „ |
| (337 | יעקב | בענדער | סימיאטיץ | „ |
| (338 | יעקב | ליטמאַן | סימיאטיץ | „ |
| (339 | יחיאל דוב | דאָלינסקי | פלעשישק | „ |
| (340 | ישעי' | פערעקאָווסקי | מאָלטשיטע | „ |
| (341 | ליב | לערער | אָסטראָג | „ |
| (342 | ליב | וואפנארסקי | ואָסטאָוויע | „ |
| (343 | מאיר | ראָזענבוים | בריסק | „ |
| (344 | מענדל | גייער | קאָמעניץ | „ |
| (345 | מאיר צבי | מילעצקי | קאָמעניץ | „ |
| (346 | משה | זילבערבערג | סלאָוויטיץ | „ |
| (347 | מרדכי | מלמד | אָרלאָ | „ |
| (348 | משה | לעדערמאַן | אָסטראָג | „ |
| | | | | „ |
| (348 | נתן | סקשיניאַ | וויעלון | „ |
| (349 | צבי | זאַפראַן | מעזעריטש | „ |
| (350 | צבי | קאַפלאַן | סימיאַטיץ | „ |
| (351 | צבי | אָלבערשטיין | אָסטראָג | „ |
| | | | | „ |

## רשימת התלמידים (המשך)

| מספר סדורי | השם | המשפחה | העיר | המדינה |
|---|---|---|---|---|
| (352 | שמעון | בורשטיין | לובעשעוו | פוילען |
| (353 | שמואל | קאגאן | קאמעניץ | „ |
| (354 | שמואל | פיאטאק | קאמעניץ | „ |
| (355 | שאול | ראטשטיין | קאמעניץ | „ |
| (356 | שמחה בונים | | קורטשעוו | „ |
| (357 | שלמה | איידלמאן | פארטשעוו | „ |
| (358 | שמואל | רוזעל | סימיאטיץ | „ |

מספר התלמידים הנ"ל הוא לבד מהחמשים התלמידים של הישיבה קטנה.

---

## כולל האברכים

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| (1 | הרב ר' ישעי' | קאטלער | ניו-יארק | אמעריקא |
| (2 | הרב ר' מרדכי | שוואב | פראנקפורט דמיין | דייטשלאנד |
| (3 | הרב ר' משה | אקערמאן | אסטראָווצע | פוילען |
| (4 | הרב ר' שמואל | סאלניצא | קאמעניץ | פוילען |
| (5 | הרב ר' שכנא | זאהן | ניו-יארק | אמעריקא |
| (6 | הרב ר' שמואל דוד | ווארשאווטשיק | קאזלאוושציזנא | פוילען |
| (7 | הרב ר' שמואל מרדכי | כ"ץ | שציצין | פוילען |

# רשימת היארצייטען השמורים בישיבה

## חודש תשרי

ה) ר' ניסן ב"ר אברהם (ע"י הרב צימערמאן מניו-יארק)
י) אהרן גושע ב"ר סאלע הכהן, ניו-יארק
טז) הא' דבורה בת ר' משה (ממשפחת הנדיבה מילער, פילאדעלפיא)
יט) הא' צירל בת ר' מנחם (אם הנדיבה מרתביילע פינקוס תחי' מדאנציג)

## חודש חשון

ג) ר' מרדכי זאב ב"ר אהרן פרופ' כאווקין, פאריז
ו) הא' צירל בת ר' זלמן (ממשפ' הנדיבה מילער, פילאדעלפיא)
יג) ר' אהרן ב"ר משה ושיינה מרים ליפשיץ, ניו-יארק.

## חודש כסלו

ג) הא' חאשע בת ר' יוסף לייב העלערשטיין, קאמעניץ
טו) ר' שמחה ב"ר משה (אבי מרת אלסע קאהן תחי', ממיסדות אגודת הנשים בניו-יארק)
ל) הא' חי' גיטל ב"ר מרדכי צבי לעווענטהאל, ראקסבורי, מ. סס.

## חודש טבת

ג) הא' עטא טייבא בת ר' יוסף מניו-יארק (אמה של מרת גאלדינג תחי')
ג) הא' הינדע חנה ב"ר שלמה זלמן
(אם הנדיבה מרת פעסי מילער-פייגין תחי' מפילאדעלפיא)
יא) ר' מרדכי ב"ר דוד יצחק העלערשטיין, קאמעניץ
יד) הא' אסתר ברכה בת ר' שלמה יעקב ראזענטאל ניו-יארק
(ממיסדות אגודת הנשים בניו-יארק)
טו) ר' פייבל ב"ר נחום בלומענטהאל, פארטלאנד, מיין
ובעלה של הנדיבה מרת חנה יוטקא בלומענטהאל תחי'
כא) ר' אפרים חיים קעסטעל, דעטרויט, אמעריקא.
כח) הא' חיי' פייגע, ניו-יארק (ע"י מר יוסף ראזענצווייג נ"י, ניו-יארק)

## חודש שבט

ג) מרן הגאון ר' צבי הירש ראבינאוויץ זצ"ל אב"ד דקאוונא

## רשימת היארצייטען השמורים בישיבה (המשך)

ג) ר' חיים שמעון גדלי' ב"ר יעקב משה גאלדינג מניו-יארק
(בעלה של הנדיבה מרת נעכע גאלדינג תחי')
יב) ר' חייקיל שו"ב דסלאבאדקא
יז) ר' ישראל ב"ר יעקב קאפיל
(אבי הנדיבה מרת פעסי מילער-פייגין תחי' מפילאדעלפיא)
יט) מרן הגאון ר' משה דאנישעווסקי זצ"ל אב"ד דסלאבאדקא
כו) ר' ישראל ב"ר חיים לייב היימאן, גבאי הישיבה (ניו-יארק)

### חודש אדר

יג) ר' אברהם יצחק ב"ר יהודא לייוויק הלוי, פילאדעלפיא
טו) ר' שלמה ב"ר אלכסנדר (אבי הנדיבה מרתביילע פינקוס תחי' דאנציג)
כא) רבנו הגאון רשכבה"ג מרן ר' יצחק אלחנן זצ"ל
אב"ד דקאוונא
ל) ר' שמואל ארי' ב"ר יוסף ליבערס, ס. לואיס, אמעריקא.

### חודש ניסן

ו) הא' מרים בת ר' יעקב מארקאוויץ, ניו-יארק
ח) ר' בצלאל הכהן ב"ר דוד קאהנהיים, בראנקס.
י) הא' תיענע כהן, ניו-יארק
כז) הא' לאה ב"ר צבי (ע"י הרב צימערמאן, ניו-יארק)

### חודש אייר

ח ר' ירוחם פישל ב"ר יחיאל מיכל סמאליאן, ניו-יארק
יב) הרב ר' שמואל גאלדין, ניו-יארק
יב) ר' צבי ב"ר מאיר מרדכי
(ממשפחת הנדיבה מילער תחי', פילאדעלפיא)
טו) יוסף בן שמעון גדלי' גאלדינג מניו-יארק (בנה של מרת גאלדינג תחי')

### חודש סיון

יב) ר' יצחק יעקב ב"ר מאניש
(אבי הנדיבה מרת חנה יוסקא בלומענטהאל תחי' מפארטלאנד, מייך
יג) מר זוסמאן ב"ר שמואל בער, ניו-יארק
טז) הא' העניע רחל בת ר' ישראל
(אם מרת אלטע קאהן תחי' מניו יארק

## רשימת היארצייטען השמורים בישיבה (המשך)

### חודש תמוז

ה) ר׳ שמשון ב״ר מרדכי למשפ׳ העלערשטיין, קאמעניץ
יד) הא׳ חנה עטע בת ר׳ אהרן באלקין
(ממיסדות אגודת הנשים בניו-יארק)
טז) ר׳ נחום בר׳ ישראל העלערשטיין, קאמעניץ

### חודש מנחם אב

יד) ר׳ נח ב״ר יצחק (אבי הרבנית גאלדין תחי׳ מניו-יארק)
יט) ר׳ ישראל ב״ר ארי׳ לייב רוקח, ניו-יארק
כב) הא׳ נחמה ב״ר משה (אם הרבנית גאלדין תחי׳ מניו-יארק)
כג) ר׳ יצחק גדלי׳ בן מנוחה לאפאטעס, דעטרויט
כח) הא׳ חי׳ טויבא בת ר׳ משה אייזיק שעמיאוויק, ווילנא

### חודש אלול

כה) ר׳ ישראל ב״ר נחום העלערשטיין, קאמעניץ.

# פרויען-הילפס-סאסייטי (ליידיס אקזילערי) אין ניו-יארק

## (Ladies' Auxiliary of Yeshiva Kamenitz Litovsk)

## פאר דער גרויסער און הייליגער ישיבה אין קאמעניץ.

די גרינדונג פון דער ליידיס אקזילערי אין ניו-יארק דאטירט פון חודש אדר תרצ"א, ווען די ליידיס אקזילערי איז פאקטיש בעגרינדעט געווארען און גערופען געווארען אין לעבען דורך דער איניציאטיוו און נאהענטער ווירקונג פון הרב הגאון ר׳ יצחק טורעץ שליט"א, וועלכער האט דאן געווילט אין די אנגעלעגענהייטען פון דער ישיבה אין ניו-יארק.

אין חודש אייר תרצ"א בעקומט די ישיבה די ערשטע הונדערט דאלאר פון די האנדען פון דער ליידיס אקזילערי. פון דאן אן ווערט די שטיצע פארטגעזעצט און האלט אן סטאביל.

דער גרינדונגס-יאהר פון דער ליידיס אקזילערי איז געווען א יאהר פון אויסער-גווהנליכער נויט אין דער ישיבה כנסת בית יצחק. דער דאפעלטער קריזיס,-אין פוילען און אין אמעריקא,—דראהט איינפאך ח"ו צו צוברעכען די ישיבה און אבשניידען אלע קוואלען פון הכנסה. די ליידיס אקזילערי האט דאן ערוויזען דער ישיבה א גרויסע דינסט און פיל מיטגעווירקט צו דערהאלטען די ווייטערע עקזיסטענץ פון דעם גרויסען תורה-סענטער.

ביי א נומעריש קלייננער צאהל מיטגלידער סרעטען צו די גרינדערינס צו א ברייטער, פערצווייגטער און אנגעשטרענגטער טעטיגקייט, פיהרען דורך געוואגטע און טאטקרעפטיגע אונטערנעהמונגען לטובת הישיבה און דערגרייכען אויך גלענצענדע רעזולטאטען. אין משך פון דער צייט וואקסט אויס די ליידיס אקזילערי צו א וויכטיגען שטיץ-פונקט פאר דער ישיבה.

אבשאצענדיג די גרויסע לייסטונגען פון די אפפיסערס און מעמבערינס פון דער ליידיס אקזילערי, ארבייט אויס די הנהלת הישיבה ספעציעלע תקנות און זכיות פאר די מעמבערינס פון דער אקזילערי. דער נאמען פון דער קאמיטע און די נעמען פון די ווירדיגע פיהרערינס ווערען אפט דערמאנט מיט ברכות צווישען די ווענד פון דער גרויסער און הייליגער ישיבה.

די ליידיס אקזילערי האט אויך ערטיילט א גרויסע הילף ביים אויפבוי פון דעם הייליגען בנין הישיבה.

ס'איז ווערט בעזונדערס צו פערצייכענען די אפפערווילליגע און אונערמידליכע ארבייט פון דער ווירדיגער פרעזידענטין פון דער אקזילערי, מרס. פיינס און איהר מאן רעוו. פיינס און זייער זוהן הנכבד מר יעקב און די איבריגע ווייטער אויס-גערעכנטע אפפיסערס, וועלכע שענקען זייער צייט און מיה און לייסטען די ווייט-געהענדסטע דינסט פאר דער גרויסער און הייליגער זאך.

די אָפּפיסערס פון דער לײדיס אַקזילערי זענען פאָלגענדע:
מרס. פײנס (1931 וואַלטאָן עװ., בראָנקס) – פּרעזידענטין.
װײס־פּרעזידענטינס: מרס. גאָלדינג, מרס. נורמאַן, מרס. אַקסעלראָד, מרס. שעהר, מרס. גאָלד, מרס. קופּער.
טרעזשורער: מרס. ראַדקין.
קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאָרין: מיסס גאָלדינג.
בעריכטס־סעקרעטאָרין: מרס. מענעקער.
פּרעזידענטין פון פינאַנס־קאָמיטע: מרס. קאַטלער.
פּרעזידענטין פון מעמבערשיפּ־קאָמיטע: מרס. שײנקאָפּ.

באָרד פון די דירעקטאָרס:

מרס. גוטע גאָלדין, פּרעזידענטין.
מרס. מענועל, מרס. זאַבעל, מרס האָראָװיטץ, מרס. מאָרריל, מרס. לעװין, מרס. א. קעטין, מרס. טענדלער, מרס. רײכמאַן, מרס. ראַפּפּעלט, מרס. בלום, מרס. יואַר, מרס. ש. קעטין, מרס. קאָהן.

דירעקטאָרס:

הרב יעקב משה צימערמאַן, הרב אײזיק טענדלער, הרב שלמה זלמן רײכמאַן, הרב מענועל, רעװ. נ. פײנס, מר צבי מאַנישעװיץ, מר יעקב גודמאַן, מר ה. שעהר, מר שמואל צבי לעװין, מר לוי יצחק קעפּיט, מר צבי אריי טשײענס, מר מרדכי סימכאָװיטץ, מר מרדכי סמאָליאַר, מר מאיר ראַדקין, מר שמואל קאָטלער, מר גאָלד, מר אײזיק קופּפּער, מר ראַפּפּעלט, מר שײנקאָפּ, מר מאָררײל, מר מנשה רזיימס, מר האָראָװיטץ.

דער דירעקטאָר פון דער אַקזילערי מר. שמואל סמאָלאַר, פּרעזידענט פון קאָנג. כנסת ישראל בני שמואל אין בראָנקס, גיט אַ יעהרליכען אַפּפּיל אין זײן שוהל דורך דער אַקזילערי בײ דער פרײנדליכער מיטווירקונג פון דעם װירדיגען רב פון דער דערמאָנטער שוהל, הרב ר׳ משה נחמן װײעטץ שליט״א און העסקן ה׳ ר׳ שמואל צבי לעװין.

דער דירעקטאָר פון דער אַקזילערי מר ה. שעהר, פּרעזידענט פון קאָנג. בני ישראל אין בראָנקס, גיט אַ יעהרליכען אַפּפּיל אין זײן שוהל דורך דער אַקזילערי בײ דער פרײנדליכער מיטווירקונג פון דעם װירדיגען רב פון שוהל, הרב מענועל.

דער דירעקטאָר פון דער אַקזילערי, מר שמואל קאָטלער, אַראַנזשירס אַ יעהרליכען אַפּפּיל אין זײן שוהל היברו אינסטיטוט אָף יוניװערסיטי הײטס אין בראָנקס דורך דער אַקזילערי, בײ דער פרײנדליכער מיטווירקונג פון דעם װירדיגען רב פון שוהל, הרב קרעמער אין חשוב׳ען פּרעזידענט באַנקיר מר שנײדער און השמש הנכבד מר יצחק קופּער און זײן פרוי מרס. קופּער. אין דער דערמאָנטער שוהל װערען אויך אַראַנזשירט דינערס צום גונסטען פון דער קאַמעניצער ישיבה.

## לײדיס אָקזילערי פאַר הישיבה הגדולה כנסת בית יצחק בקאמעניץ אין ניו־יאָרקער איסט־סייד.

צוליב דער פערצווייגונג פון דער ארבייט פון דער געגרידעטער לײדיס אָקזילערי אין גרויס ניו־יאָרק, ווערט אין יאהר תרצ״ז געשאפען אַ בעזונדערע לײדיס אָקזילערי אין ניו־יאָרקער איסט־סייד דורך הרבנית אסתר גיטל ציממערמאַן (אַ שוועגערין פון מרן אדמו״ר הגאון ר׳ ברוך דוב לייבאָוויטץ שליט״א), 243 איסט בראדוויי, ניו־יאָרק.

די דאָזיגע לײדיס אָקזילערי האָט שוין בעוויזען איהר עקזיסטענץ־בערעכטיגונג דורך די סטאַבילע הילף, וועלכע ווערט געשיקט צו דער ישיבה א דאַנק די גוטע אַרבייט און אָנשטרענגונג פון איהרע אָפפיסערס און מעמבערינס.

די אָפפיסערס פון דער אָקזילערי זענען פאָלגענדע:

מרס. דינה קושנער, פרעזידענטין,

מרס. שרה בוכלייזער, וויס־פרעזידענטין,

הרבנית העניע אדלער, טרעזשורער,

מרס. קליימאַן, סעקרעטארין.

# אָפפיס פון הישיבה הגדולה „כנסת בית יצחק"
# פון קאמעניץ אין ניו־יאָרק

דער אָפפיס פון דער קאַמעניצער ישיבה אין ניו־יאָרק געפינט זיך אויף 243 איסט בראָדוויי און ווערט געלייטעט דורך הרב הגאון המפורסם ר׳ יעקב משה ציממערמאַן שליט״א, רב בניו־יאָרק, גיסו של מרן אדמו״ר הג״ר ברוך דוב לייבאָוויטץ שליט״א, און הרה״ג ר׳ יעקב קאַרלינסקי שליט״א.

דער אָפפיס קאָנצענטרירט אַלע ארבייטען פון די שדר״י הישיבה אין אַמעריקאַ און פירט אָן אויך מיט דער ארבייט פון דער רבנים־דעלעגיישאָן.

דער אָפפיס איז די פאַקטישע פערטרעטונג פון דער ישיבה אין אַמעריקאַ און לייסטעט זעהר פיל פאַר דער אויסהאַלטונג און פינאַנסירונג פון דער ישיבה.

אַלע ווענדונגען צום אָפפיס זאָלען געמאַכט ווערען לויט דעם אדרעס:

**Office of Yeshivath Kneseth Beth Isaac,**
**243 East Broadway, New York, N. Y.**

## רבנים־דעלעגיישאן אין אמעריקא פאר דער גרויסער און הייליגער ישיבה „כנסת בית יצחק“ אין קאמעניץ

די חשובע רבנים הרב המאוה״ג ר׳ מרדכי ווילינער שליט״א והרב ר׳ נחמן קאוואלסקי שליט״א זענען די מיטגלידער פון דער רבנים־דעלעגיישאן, דעלעגירט דורך דער ישיבה כנסת בית יצחק קיין אמעריקא.

די רבנים־דעלעגיישאן האט שוין בעוויזען צו בעזוכען פיל וויכטיגע שטעדט אין אמעריקא, און אומעטום דורכגעפיהרט גרויסצוגיגע אקציעס פאר החזקת הישיבה און פאר דעם בנין הישיבה.

איבעראל האבען די רבנים און ווירדיגע עסקנים, פרעזידענטען פון שוהלען א.א.וו. ארויסגעוויזען גרויס פערשטענדניש און ליבע צו דער גרויסער און הייליגער ואך, אויפצוהאלטען אזא גרויסען און וועלט־בעריהמטען תורה־סענטער, און געגעבען די ווירדיגע רבנים־דעלעגיישאן די וויכטיגסטע מיטהילף אין זייער גוטע און איבער־געגעבענע ארבייט.

די רבנים־דעלעגיישאן זואס מיט איהר הילפסרייכע טעטיגקייט פיל מיטגעווירקט פאר דער פערשטארקונג פון די הכנסות פאר דער ישיבה און אויך געגעבען א גרויסען צושטייער צו דעם אויפבוי פון דעם בנין, פערקויפענדיג אין פיל ערטער שעהרס פון הייליגען בילדינג.

# תוכן הענינים:


א) מכתב בקשה מהגאון הצדיק אור ישראל רשכבה״ג בעל החפץ חיים זצוקללה״ה . . ג

ב) מכתב גלוי מהגה״צ רשכבה״ג מרן ר' חיים עוזר גראדזענסקי שליט״א . . . ד

ג) מאמר להחזקת התורה ממרן אדמו״ר הגה״צ רבן של ישראל ר' ברוך דוב לייבאָוויטץ שליט״א ר״מ ומנהל הישיבה . . ה—ח

ד) די געשיכטע פון דער ישיבה כנסת בית יצחק . . . . . . . ג. ג. ט—יט

ה) ישיבות און זייער בעדייטונג . . . . . . . . . אחד התלמידים כ—כה

ו) אין דער מלכות פון תורה . . . . . . . . . ש. בן־ימיני כו—לה

ז) תקנות החברים והעסקנים . . . . . . . . . . . . . לו—לז

ח) רשימת התלמידים . . . . . . . . . . . . . . . לח—נ

ט) כולל האברכים . . . . . . . . . . . . . . . . . נ

י) רשימת היארצייטען השמורים בישיבה . . . . . . . . . . נא—נג

יא) הילפס־קאָמיטעטען פאַר דער ישיבה אין אַמעריקאַ . . . . . . . . נד נח